STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01473

LITERATUR VISENSHAFT

A. B. Rozenshteyn

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Emily Greenspan
in memory of
her grandparents, Gerson & Rachel Kenigson and Simon & Rose Greenspan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ביכער־פאר־אלע", ווארשע.

Samuel Zacher

ליטעראטור־ וויסענשאפט.

לעהרבוך פאר די יידישע און אלגעמיינע ליטעראטור־
טעאריע מיט א גרויסע זאמלונג מוסטערן פון די בעסטע
יידישע פאעטען און פראזאאיקער.

אין 2 טיילען.

פערפאסט און געזאמעלט פון

א. ב. ראזענשטיין.

רעדאגירט דורך מ. קרינסקי.

ערשטער טייל.

ווארשע. — תרס"ח.

דרוק „האור", ווארשע, דלוגע 11.

ЛИТЕРАТУРЪ-ВИСЕНШАФТЪ

т. е. **Теорія Литературы.**

Соч. **А. Б. РОЗЕНШТЕЙНЪ,**

подъ редакціей **М. КРИНСКАГО.**

Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ", Долгая 11.

Типографія М. Кринскаго, Варшава, Долгая № 11.
1908.

פאררעדע.

דאס דאזיגע ווערק האט דעם ציעל צו בעקענען דעם יודישען לעזער מיט דער טעאריע, דעם אויפבוי און די פערשידענע פארמען פון דער שענער ליטעראטור בכלל און דער יודישער ליטעראטור בפרט.

דער מאנגעל אין אזא ביכעל, וועלכעס זאל אין קורצען און אין א קלארער און דייטליכער שפראך ערקלערען אלע ליטעראַרישע בעגריפען, האט זיך שוין לאנג געלאזט פיהלען אויף דעם יודישען ביכער-מארק; הויפטזעכליך אבער איז דער חסרון פיהלבאר אין דער לעצטער צייט, ווען די יודישע ליטעראטור האט זיך בעדייטענד פערגרעסערט אי אין כמות אי אין איכות. ווען עס זענען צוגעקומען אין איהר פיעלע נייע ליטעראַרישע פארמען, און די ווערק פון די עלטערע שריפטשטעלער ווערען אלע מאל מעהר געזאמעלט. איך רעכען דעריבער, אז מיט דעם ערשיינען פון דעם ביכעל וועט דער דערמאהנטער מאנגעל בעזייטיגט ווערען.

וואס איז נוגע צו דער צוזאמענשטעלונג פון דער „ליטעראטור-וויסענשאפט", האב איך פאר אלעם ביי דער ארבייט געהאט אין זינען די יודישע ליטעראטור. צו דעם צוועק ווערט כמעט אין יעדעם פאראגראף, גלייך נאך דער ערקלערונג פון עפעס א בעגריף, געבראכט א מוסטער פון די בעסטע יודישע שריפטשטעלער. נאר ביי די ערקלערונג פון ליטעראַרישע פארמען, וועלכע זענען אין דער יודישער ליטעראטור נישטא, בין איך געוועזן גענויטיגט צו ברענגען מוסטערן פון אנדערע ליטעראטורען, דען דער צוועק פון דעם בוך איז צו בעקענען דעם לעזער מיט אלע ליטעראַרישע פארמען, וועלכע עקזיסטירען הן אין דער יודישער הן אין דער אלגעמיינער ליטעראטור.

דאס בוך איז איינגעטיילט אין צוויי טיילען. דער ערשטער טייל בעשעפטיגט זיך מעהר מיט דער יודישער סטיליסטיק, דער ענטוויקלונג פון דער

יידישער שפראך, דעם זאצבוי, פערשידענע שפראכפארמען און פיגורען, און נאר טיילווייזע מיט די ליטערארישע פארמען. בפרטות ווערען די ליטערארישע פארמען בעטראכט און ארומגערעדט אין דעם צווייטען טייל.

פאר יעדען טייל ברענגען מיר א אינהאלטס־פערצייכניס, און אין סוף פונ'ם גאנצען בוך קומען צוויי אלפאבעטישע רעגיסטער: איינער פון אלע בעגריפען, וועלכע ווערען ערקלערט אין בוך, מיט די שטעלען, וואו זיי קומען פאר, און דער צווייטער — פון אלע ליטעראטען, וואס פון זייערע ווערק ווערען געברענגט מוסטערן אין בוך.

צו'ם שלום האלט איך פאר מיין חוב ארויסצודריקען מיין דאנק אלע מיינע פריינד, וועלכע האבען מיט אנ'עצה אדער אין דער טהאט מיר מיטגעהאלפען ביי דער ארבייט, איבערהויפט קומט א גרויסען דאנק ה' קרינסק, פאר זיין געוויסענהאפטע רעדאקציע, פאר די פיעלע אנמערקונגען ביי דער ארבייט און הילף ביי דער זאמלונג פון מאטעריאל, ווי אויך דעם ה' ה. ד. נאמבערג — פאר זיין הילף בי'ם אויסבעסערען דעם טעקסט.

א. ב. ראזענשטיין.

ווארשוי, אייר תרס"ה.

אינהאַלטס-פֿערצייכניס.

זייטע

איינלייטונג.

די ליטעראַטור און איהר איינטהיילונג.

1 § מינדליכע און שריפֿטליכע ליטעראַטור 9
2 § פּראָזאַאישע און פּאָעטישע ליטעראַטור . . . . —
3 § ליטעראַטור-געשיכטע און ליטעראַטור-וויסענשאַפֿט. . . . 10

ערשטער טייל.

די סטיליסטיק.

1 § סטיליסטיק. סטיל 11
2 § ווערטער . . . . —
3 § ווערטערשאַפֿונג. וואָרצלען. . 12
4 § איבערטראָגען פֿון נעמען . . —
5 § וואָרטבילדונג . . . . . . —
6 § צוזאַמענזעצונג פֿון ווערטער . 13
7 § נעאָלאָגיזמען 14
8 § פֿרעמדווערטער. . . . . . —
9 § דאָס בענוצען זיך מיט פֿרעמדווערטער 15
10 § האָמאָנימען און סינאָנימען. . 16
11 § רעדען און שרייבען . . . . —
12 § זאַץ, סוביעקט און פּרעדיקאַט. 17
13 § הויפּטטהיילען און נעבענטהיילען פֿון זאַץ, אַטריבוט, אָביעקט, אַדווערביום, ווענדונגסווערטער. 18

זייטע

14 § איינפֿאַכער און צוזאַמענגעזעצטער זאַץ, ערווייטערטער איינפֿאַכער זאַץ. 19
15 § פּעריאָדישער זאַץ. 20

די אויסערליכע זייט פֿון אַ ליטעראַרישעם ווערק אָדער זיין סטיל.

16 § דער אינהאַלט און די פֿאָרם . 21
17 § די אייגענשאַפֿטען פֿון אַ גוטען סטיל, ריכטיגקייט, קלאָרהייט, דייטליכקייט און ריינהייט פֿון דער שפּראַך 22
18 § פּעריאָדישע און אונפּעריאָדישע שפּראַך 24
19 § לאַקאָניזמוס 26
20 § די מעלות פֿון אַ שיינעם סטיל. 27
21 § די שילדערונגספֿעהיגקייט . . —
22 § וואוילקלאַנג . . . . . . —
23 § רעטאָרישע פֿיגורען 29
24 § די ערשטע קלאַס פֿון פֿיגורען. —
25 § די פֿערגלייכונג. . . . . . —
26 § די איבערטראָגונג 30
27 § פּערזאָניפֿיקאַציע . . . . . —
28 § אַלעגאָריע 32
29 § פֿאַבעל. 34
30 § היפּערבעל אָדער גוזמא . . 36
31 § מעטאָנימיע אָדער נאָמענספֿערטוישונג. . . . . —
32 § די צווייטע קלאַס פֿון פֿיגורען. 37

זייטע

33 § אינטוטעז אדער גגענזאץ . . 37
34 § איראניע 38
35 § גראדאציאן אדער שטייגערונג . 39
36 § אפאסטראף אדער ווענדונג . 40
37 § רעטארישע פראגע. 41
38 § דער אויסגעשריי 42
39 § דאס איבער׳חזרן . . . . —
40 § שפראך־הארמאניע און אלגעמיי־
נעם 43
41 § הארמאניע און דער פאעזיע . 44
42 § דער ריטמוס . . . . . —
43 § דער פערז און דער פערזפוס . 45
44 § אנגענומענע פערזפיס און יודי־
שען, טראכייאוס, יאמבוס, דאק־
טיל, אמפיבראכיוס, אנאפעסט 46
45 § צעזור 47
46 § דער ריטמוס און די פאלקס־
לידער. 48
47 § דער ריים אדער גראם. . . —
48 § סטראפען, אקטאווע . . . 49
49 § די פארמען פון א ליטערארוש
ווערק 51
50 § מאנאלאג . . . . . . —
51 § דיאלאג. 53
52 § געמישטע פארם 54
53 § בריעפפארם 55
54 § דער אינהאלט פון א ליטעראריי־
שען ווערק, טעמא, פלאן. . 59
55 § פיער הויפטעלעמענטען און דער
ליטעראטור. 60
56 § בעשרייבונג. . . . . . —
57 § ערצעהלונג. 61
58 § בעטראכטונג 65
59 § ליריעשם עלעמענט . . . 67

ליטעראַטור־וויסענשאַפט.

ערשטער טייל.

מײַן ליעבער שװעסטער

אסתר חנה

װידמע איך דאָס דאָזיגע בוך.

דער מחבר.

איינלייטונג.

די ליטעראַטור און איהר איינטיילונג.

§1. מינדליכע און שריפטליכע ליטעראַטור.

מיט דעם וואָרט „ליטעראַטור“ מיינט מען: אַלע ווערק פון מענש־ליכען געדאַנק, וועלכע זענען אויסגעדריקט דורך ווערטער, שריפטליך אָדער מינדליך. די ליטעראַטור קאָן דעריבער איינגעטיילט ווערען אויף מינדליכע און שריפטליכע.

די ערשטע איז פיעל עלטער ווי די צווייטע.

נאָך גאָר אין די אַלטע צייטען האָט דער מענש אָנגעהויבען אויסצודריקען זיינע געדאַנקען און געפיהלען אין שענע, גוט־צוזאַמענגעשטעלטע פאָרמען. אַזוי אַרום איז בעשאַפען געוואָרען ביי פערשידענע פעלקער אַ מינדליכע ליטעראַטור, וועלכע איז איבערגעגאַנגען פון איין דור צו'ם צווייטען, פיעל פריהער, איידער ביי'ם דאָזיגען פאָלק האָט זיך ענטוויקעלט די קונסט פון שרייבען. ערשט שפעטער, ווען דאָס דאָזיגע פאָלק דערגרייכט אַ העכערע שטופע פון ענטוויקלונג, און די שרייב־קונסט ווערט ביי איהם מעהר פער־שפרייט, טרעטען אַרויס בעגאַבטע פערזענליכקייטען, וואָס דריקען אויס זייערע געדאַנקען אויפ'ן פאַפיער מיט מעהר אָדער ווייניגער טאַלענט. אַזוי ווערט בעשאַפען אַ שריפטליכע ליטעראַטור.

די מינדליכע ליטעראַטור בלייבט שפעטער צווישען די אונגעבילדעטערע קלאַסען פון די בעפעלקערונג, נאָר וואָס אַמאָל ווערט זי אַלץ מעהר אַרויס־געשטופט דורך די שריפטליכע. עס קומט אָפטמאָל דאַצו, דאָס מען מוז די מינדליכע ליטעראַרישע ווערק אויפשרייבען און זאַמלען, כדי זיי זאָלען נישט ווערען אין גאַנצען פערגעסען. (ערשט נישט לאַנג, צו'ם בייספיעל, זענען געזאַמעלט געוואָרען די יידישע פאָלקס־ליעדער, וואָס געהערען אויך צו דער מינדליכער ליטעראַטור).

§2. פראָזאַאישע און פאָעטישע ליטעראַטור.

אויסער דער איינטיילונג אין שריפטליכע און מינדליכע, ווערט נאָך יעדע ליטעראַטור געטיילט אין פראָזאַאישע און פאָעטישע. וועגען דעם אונטערשיעד פון די ביידע בעגריפען וועט שפעטער גערעדט ווערען.

3 §. ליטעראַטור-געשיכטע און ליטעראַטור-וויסענשאַפֿט.

די ליטעראַטור פֿון יעדען פֿאָלק קאָן בעטראַכט ווערען אויף פֿערשיעדענע אופנים. מע'קען בעטראַכטען די ליטעראַטור לויט איהר געשיכטליכע ענטוויקלונג, וועלכע פֿאָרמען זענען פֿריהער בעשאַפֿען געוואָרען, וועלכע שפּעטער, וואָס פֿאַרע שרײַבער האָבען געווירקט אין דער אָדער יענער עפּאָכע, וואָס פֿאַר אַנ'אײַנפֿלוס זיי האָבען געהאַט אויף די עפּאָכע.

די בעטראַכטונג פֿון דער ליטעראַטור לויט איהר געשיכטליכער ענטוויקלונג און חראָנאָלאָגישער אָרדנונג, הייסט ליטעראַטור-געשיכטע.

אַנ'אַנדער סאָרט בעטראַכטונג אָבער איז די ליטעראַטור-וויסענשאַפֿט אָדער ליטעראַטור-לעהרע. זי בעטראַכט נישט די ליטעראַרישע ווערק אין חראָנאָלאָגישער אָרדנונג, ד. ה. לויט די צײַטען, ווען זיי זענען געשריעבען געוואָרען, נישט אין זייער היסטאָרישען צוזאַמענהאַנג, נאָר לויט זייערע פֿאָרמען און אײַגענשאַפֿטען, נישט אַבהענגיג פֿון דער צײַט, ווען זיי זענען געשריבען געוואָרען.

אַלזאָ ליטעראַטור-וויסענשאַפֿט איז אַ לעהרע, וועלכע בעטראַכט אַלע ליטעראַרישע ווערק לויט זייערע פֿאָרמען און אײַגענשאַפֿטען.

מיר וועלען זיך דאָ בעשעפֿטיגען מיט דער ליטעראַטור-וויסענשאַפֿט.

מען מוז אָבער בעמערקען, דאָס שטרענג אָבטיילען די ליטעראַטור-געשיכטע פֿון די ליטעראַטור-וויסענשאַפֿט איז נישט שטענדיג לײַכט, דען אָפֿטמאָל הענגט אָב די פֿאָרם און די אײַגענשאַפֿט פֿונ'ם ווערק אָן דער צײַט. ווען עס איז פֿערפֿאַסט געוואָרען.

ערשטער טײל.

די סטיליסטיק.

§ 1. סטיליסטיק.

אײדער מיר װענדען זיך צו דער אײגענטליכע לעהרע פֿון דער יידישער ליטעראַטור, מוזען מיר פֿריהער בעטראַכטען די עלעמענטען, פֿון װעלכע עס בעשטעהט יעדעס ליטעראַרישע װערק.

פֿריהער אָבער מוזען מיר בעמערקען, דאָס חאָטש אַלע שרײַבער בענוצען זיך מיט דער זעלבער שפּראַך, דאָך אונטערשײדעט זיך די שפּראַך בײַ יעדען דורך איהר צוזאַמענזעצונג און פֿאָרם. בײַ אײנעם איז זי קלערער און לײַכטער און בײַ'ם צװײטען — טונקעלער און שװערער.

די שרײַב־פֿאָרם, מיט װעלכע עס בענוצט זיך אַ שרײַבער און װאָס דאַמיט אונטערשײדעט ער זיך פֿון אַנ'אַנדערען, הײסט זײַן „סטיל".

די לעהרע, װעלכע בעשעפֿטיגט זיך מיט די דאָזיגע פֿאָרמען, הײסט „סטיליסטיק".

§ 2. װערטער.

יעדעס װאָרט איז אַנ'אויסדרוק פֿון אַ געװיסען בעגריף אָדער פֿאָרשטעלונג. װאָס מעהר דאָס פֿאָלק איז ענטװיקעלט, װאָס מעהר בעגריפֿען און פֿאָרשטעלונגען עס עקזיסטירען בײַ איהם, אַלץ גרעסער איז די צאָהל װערטער, מיט װעלכע עס בענוצט זיך.

די װילדע פֿעלקער האָבען אַ גאַנץ קלײנע צאָהל װערטער, דאַגעגען האָבען די שפּראַכען פֿון די הויכציװיליזירטע אײראָפּעאישע פֿעלקער מאַסען װערטער, װאָס זײער צאָהל דערגרײכט ביז עטליכע צעהנדליג אָדער גאָר עטליכע הונדערט טויזענד װערטער.

אונזער פֿאָלק איז שוין מיט דרײַ טויזענד יאָהר צוריק געשטאַנען אויף זעהר אַ הויכער שטופֿע פֿון קולטור, און די העברעאישע שפּראַך אין דער תנ"ך צײַט האָט שוין געהאַט גאָר אַ גרויסען שאַץ פֿון װערטער; נאָך גרעסער איז דער װערטער־שאַץ פֿון תלמוד און פֿון דער שפּעטערדיגער העברעאישער ליטעראַטור.

קומט בײַ אַ פאָלק צו אַ נײַער בעגריף, צו'ם בײַשפּיעל: דער בעגריף פון'ם וואָרט „שטרײַק", מוז אויך צוגעגעבען ווערען אַ נײַ וואָרט צו דער שפּראַך פון דעם דאָזיגען פאָלק. דאָס קאָן געשעהן אויף פערשידענע אופנים:
1) דורך בעשאַפען נײַע ווערטער; 2) דורך איבערטראָגען נעמען פון איין בעגריף אויף אַן אַנדערען; 3) דורך וואָרטבילדונג; 4) דורך אײַנפיהרען פרעמדווערטער.

§ 3. ווערטערשאַפונג.

נײַע ווערטער זענען געשאַפען געוואָרען אין גאַנץ אַלטע צײַטען. אויף וועלכען אופן האָבען אונזערע אורעלטערן בעשאַפען זײַערע ווערטער איז אונז אונבעקאַנט. יעדענפאַלס האָט געמוזט זײַן די צאָהל פון די דאָזיגע ווערטער זעהר קלײַן, דען די יעצטיגע שפּראַכען פערמאָגען אויך נישט מעהר, ווי עטליכע הונדערט ווערטער=וואָרצלען, וועלכע זענען רעסטען פון די אַלטע ווערטער.

אַלס וואָרצלען אין דער יידישער שפּראַך, מוז מען רעכנען די וואָרצלען פון די דאָזיגע העברעאישע און דײַטשישע ווערטער, פון וועלכע די יידישע שפּראַך איז געבילדעט געוואָרען אין איהר ערשטער שטופע. אַלע אַנדערע ווערטער זענען צוגעקומען אויף די אַנדערע 3 אופנים.

§ 4. דאָס איבערטראָגען פון נעמען.

אַ סך זאַכען און בעגריפען האָבען נישט קײן זעלבסטשטענדיגע נעמען, נאָר פאַר זײַער בעדײַטונג ווערען בענוצט נעמען פון אַנדערע זאַכען, וואָס האָבען שוין פריהער עקזיסטירט. צו'ם בײַשפּיעל: „צינגעל", בײַ אַ וואָג אָדער אַ גלעקעל, שטאַמט פון „צונג" בײַ אַ לעבעדיג בעשעפעניש; „אויער" — בײַ אַ קוואָרט, „אויגען" — די לעכער פון אַ טישטוך אָדער פעטפלעקען אין זופּ, „צייהן" — בײַ אַ קאַם אָדער אין אַ זעג, „בלעטער" פון אַ בוך און אַזוי ווײַטער.

פון די משלים, וואָס מיר האָבען געבראַכט, זעהט מען, דאָס די נאַטור=בעשעפענישען, ווי לעבעדיגע, אַזוי ניט לעבעדיגע, האָבען שוין פריהער געהאַט נעמען, און די דאָזיגע נעמען האָט מען אויסגענוצט דורך איבערטראָגען אויף זאַכען, וואָס דער מענש האָט שפּעטער געשאַפען.

§ 5. וואָרטבילדונג.

פון אַ קלײנע צאָהל ווערטער קענען זיך אויסבילדען זעהר פיעל נײַע ווערטער אויף פערשידענע אופנים, הויפּטזעכליך אויף צוויי וועגען:

א) דורך צושטעלען צו'ם וואָרצעל בעשטימטע וואָרטטײלען, פאַר איהם אָדער נאָך איהם, למשל: „שרײַב", שרײַבען, געשריבען, שרײַבער, אָבּ=

שרייבען; „פוץ", פוצען, אויסגעפוצט, פערפוצט, בעפוצט, בעפוצען; „זינג", זינגען, געזונגען; „גלאָז", גלעזער, גלעזעל, גלעזערנער, א. ז. וו.

ביי דעם סאָרט וואָרטבילדונג ווערען מייסטענס אויסגעטוישט די וואָקאַל־בוכשטאַבען אין די דייטשישע וואָרצלען אוני די תנועות אין די העבּרעאישע וואָרצלען: למשל: זינגען — געזאַנג, שרייבען — געשריבען, שמאָל — שמעלער, — צֶדֶק — צְדָקָה, רוצַח — רְצִיחָה, דין — דַיָן, שופֵט מִשְׁפָּט וכדומה).

ב) דורך צוזאַמענזעצונג פון צוויי אָדער מעהר ווערטער אין איין וואָרט, למשל: האַנדטוך, זייגערמאַכער, קאָפּעלמייסטער, שרייבטיש, בַּעַל־חוב, בַּעַל־הַבַּיִת, בַּעַל־מְלָאכָה, א. ז. וו.

אַ סך צוזאַמענגעזעצטע ווערטער זענען אין רעדען זאָגאַר פערענדערט געוואָרען, למשל: קינפּעטאָרין (פון קינד־בעטאָרין), הייבען (פון העב־אמע).

§ 6. צוזאַמענזעצונג פון ווערטער.

דער גורל פון יידישען פאָלק האָט אַריינגעבּראַכט אין דער יידישער שפּראַך אַ צוזאַמענזעצונג פון ווערטער, וועלכע זענען זיך אייגענטליך גאַנץ פרעמד און שטאַמען פון צוויי פערשיעדענע שפּראַכען, ווי למשל: אָבּ־ירש'נען, אָבּ־מִשְׁפָּט'ען, אויס־גַנְבֶ'נען, חַתּונה האָבען, מְגַלֶה זיין, און אַזוי ווייטער.

ווי געזאָגט, איז דאָס יידיש געבּילדעט געוואָרען פון דעם אַלטען האָכדייטש מיט אַ שטאַרקער צומישונג פון העבּרעאיש, וואָס די יידען האָבען נאָך גאַנץ לאַנג בענוצט אין אייראָפּא אַלס ליטעראַטור שפּראַך, און אויך אין טעגליכען לעבען ביי אַלע רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע אַנגעלעגענהייטען, למשל די גאַנצע צערע־מאָניע פון הַיָפֶה וקדושין, די ווינשען: לשנה טובה תִּכָּתֵבוּ, לְחַיִים טובים ולשלום, און פיעל אַנדערע. עס פערשטעהט זיך, אַז די אומגאַנגס־שפּראַך מיט דער ליטעראַטור־שפּראַך איז אויסגעקומען זעהר אָפט זיך צוזאַמענצוטרעפען, כדי צו בילדען איין וואָרט, און זיי האָבען געמוזט ש'ום מאַכען און איינגעהן איינע מיט דער אַנדערע אויף פּשָׁרות. ביי דעם פאַל איז מייסטענסטייל די ענדערונג־פאָרמען די דייטשישע און די בעגריפנעמען העבּרעאישע, למשל: מֵמִית'ן, גַזְלֶ'נען, הַרְגֶ'נען, גַנְבֶ'נען, רוּדֵפ'ן, פַּטְר'ן, בַּגֵר'ן, חַזֵר'ן.

אַ סך ווערטער זענען געבּילדעט פון העבּרעאישע נעמען מיט דייטשישע הילפס־פְּעָלִים: זיין, טהון, האָבען, מאַכען, ווערען און אַנדערע, למשל: עָרֵב זיין, מְזַכֶּה זיין, מְפַרְנֵס זיין, מְכַבֵּד זיין, מוחֵל זיין, חושֵׁד זיין, מְבַזֶה זיין, מַתְרֶה זיין, מַרְעִישׁ עולָמות זיין, מְגַדֵל זיין, מְחַנֵךְ זיין,

פּטור װערען, ברוגז װערען, אין כּעס װערען, משוגע װערען, אַן אַלמן װערען, אַ יתום װערען, אַ מצוה טהון, אַן עבֿרה טהון, חרפּות האָבען, התונה האָבען, שותפות מאַכען, פּליטה מאַכען, כּפּרות שלאָגען, און אַזױ װײַטער.

אַנדערע װערטער האָבען זיך אײַנפֿאַך אױסגעבילדעט דורך אַ צוזאַמענזעצונג פֿון אַ העבּרעאיש מיט אַ דײַטשיש װאָרט, למשל: ניש׳קשה (נישט קשה), שלים׳מזל (שלים מזל), גוט׳שבת (גוט שבת). אַמאָל װערטער האָבען זיך אױך צוזאַמענגעזעצט מיט די סלאַװישע צוגאַבען „ניק״ — „ניצע״ — למשל: חוצפּה׳ניק, חוצפּה׳ניצע, עזות׳ניק, עזות׳ניצע, בעל־עבֿרה׳ניק, אשת־איש׳ניק, שלימזל׳ניצע, וכדומה.

§ 7. נעאָלאָגיזמען.

נײַ געבילדעטע װערטער הײַסען „נעאָלאָגיזמען״ אַזױ לאַנג, ביז װאַנען זײ װערען אינגאַנצען אײַנגעװאָרצעלט און אײַנגעבירגערט אין דער שפּראַך און עס װערט פֿערגעסען, דאָס זײ זענען נײַ.

אַזעלכע װערטער זענען דאָ אין יידישען זעהר פֿיעל, למשל: אײַנפֿלוס, בײַטװירקונג און אַנדערע.

§ 8. פֿרעמדװערטער.

קײן שום פֿאָלק בלײַבט נישט אינגאַנצען איזאָלירט, ד. ה. אָבגעזונדערט פֿון אַנדערע פֿעלקער, נאָר קומט מיט זײ אָפֿט אין בערירונג, נעהמט בײַ זײ איבּער פֿערשידענע בעגריפֿען און ערפֿינדונגען און צוזאַמען דאַמיט אױך די נעמען פֿון די בעגריפֿען.

אַזעלכע נעמען איז דאָ אין יעדער שפּראַך זעהר פֿיעל. איבּערהױפּט זענען דאָס פֿערשידענע טעכנישע נעמען, טערמינען, ד. ה. ספּעציעלע נעמען אין דער װיסענשאַפֿט, קונסט, טעכניק און אַ. װ. די צאָהל פֿון די דאָזיגע װערטער װערט אַלע מאָל גרעסער. מיר ברענגען דאָ אײניגע אַזעלכע: לאָקאָמאָטיװ, טעלעפֿאָן, טעלעגראַף, מיקראָפֿאָן, טעלעסקאָפּ, מיקראָסקאָפּ, מאַטעמאַטיק, פֿיזיק, מעכאַניק, כעמיע, עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, פּלאַסטיק, אַרטיסט, סצענע, פּראָלעטאַריאַט, בורזשואַזיע, קלאַס, פּאַרק, קאָנגרעס, קאָנפֿערענץ, רעװאָלוציע, עװאָלוציע.

אַזעלכע װערטער שטאַמען אַם מײַסטענס פֿון לאַטײַן אָדער גריכיש.

§ 9. דאָס בענוצען זיך מיט פרעמדווערטער.

פרעמדע ווערטער האָט יעדע שפּראַך. מען דאַרף זיי אָבער בענוצען אין דער מאָס און נאָר דאַן, ווען זיי זענען אונבעדינגט נויטיג.

אין יידישען אָבער מוז מען נאָך אונטערשיידען יענע פרעמדווערטער, וואָס ווערען גענומען ביי׳ם פּאָלק, צווישען וועלכען מיר וואָהנען, אין דערצייט, ווען פאַר דעם זעלבען בעגריף איז שוין דאַ אַ וואָרט אין יידישען אָדער אין העברעאישען, למשל: אַ לעטער, אַ טיקעט פון ענגלישען (אנשטאָט אַ בריעף, אַ קאַרטע) וואָפּראָס, זאַפּאַך, אָבשטשעסטוואָ, פון רוסישען (אנשטאָט שאלה=פראַגע, ריח. געזעלשאַפט), זאַדאַניע, פּאָוויעטשע, פון פּאָלנישען (אנשטאָט אויפגאַבע, לופט), און אַזוי ווייטער.

אַזעלכע ווערטער מוז מען אונבעדינגט אויסמיידען אין דער ליטעראַטור־שפּראַך, סיידען ווען מען וויל דערמיט חאַראַקטעריזירען דאָס לעבען, די מנהגים, אָדער נאָכמאַכען די שפּראַך פון די דאָזיגע יידען, וואָס וואָהנען אין דעם אָדער יענעם לאַנד, אין דער אָדער יענער געגענד.

יעדענפאַלס איז שוין בעסער „פּותר צו זיין אַ שאלה״, איידער „רישען אַ וואָפּראָס״, אָדער „ראַזיאַשניען אַ קוועסטיע״... דען דאָס ערשטע קאָנען פערשטעהן די יידען אין אַלע לענדער, וועהרענד די לעצטע פערשטעהען נאָר יידען, וואָס וואָהנען אין רוסלאַנד אָדער אין פּוילען.

קאָן דען, למשל, אַ גאַליציאַנער ייד פערשטעהן אַזאַ מין לשון: די בעסעדע איבער דער פּריטשינע, וואָס די רבנים אוטשאַסטעווען ניט אין דער דוויזשעניע, איז פאַר אונזערע טשיטאַטעלעם צו וועניג פּאָניאַטנע. (אַ איראָנישע. אַנטוואָרט פון דער רעדאַקציע פון „יוד״ איינעם, וואָס האָט אריינגעשיקט אַ יידישען אַרטיקעל מיט בלויז רוסישע ווערטער). אָדער אַזאַ רעדע: „היינט האָבען מיר, גאָספּאָדאַ, אַ סודנעם דיען מן השמים, היינט ווערען פערעסמאַטרעוועט אַלעמעם גרעכעס, אי פּאַטאַמו, בראַטיאַ, מוזען מיר זיך קאַיען, טאַק קאַק ווען מען קאַיעט זיך, פּראָשטשאַיעט באָח!(„ראָמאַנצייטונג״, אַ מוסטער פון אַ ניקאָלאַיעוווער סאָלדאַט׳ס אַ דרשה אין שול פאַר תקיעות).

אָדער זאָלען די יידען אין רוסלאַנד פּרובען פערשטעהן אָט דאָס דאָזיגע לשון פון יידישע צייטונגען אין אַמעריקאַ:

„דער בוטשער, אַנווערענדיג דעם טשאַנס צו בעקומען דעם דזאָב ביי דיעזען קעפּמייקעריל, איז ער זיך מישב, פערלאָזט די שאָפּ און זאָגט צו צו זיין אַ גוּד באָי. („די צוקונפט״).

§ 10. האמאנימען און סינאנימען.

האמאנימען הייסען ווערטער, וועלכע האבען ניט בלויז איין בעדייטונג, נאר איינינגע פערשידענע בעדייטונגען. צו׳ם ביישפיעל: פערל – א ציהרונג און פערל — א נאמען פון א פרוי; שלאם — פאלאץ, שלאם — אויפצוהענגען אויף דער טהיר; שליסעל — צו א שלאם, און שליסעל — צו א בוך; א קאם — צו קעמען זיך, און א קאם – ביי א האהן אויפ׳ן קאפ; א רים – צו ריסען, א רים – 20 ליווערעס פאפיער; היטעל – אויפ׳ן קאפ, און היטעל – צוקער; באנק – צו׳ם זיצען, און באנק – א געלד-ביורא.

דאגעגען וויעדער זענען דא בעגריפען, וואס האבען צו עטליכע נעמען, אדער מען בענוצט פאר זיי ווי יידיש=דייטשע, אזוי אויך העברעאישע נעמען, למשל: רייך-פערמעגליך; שטארק- מעכטיג; עוֹשֶׁר — גְּבִיר — נָגִיד; ארימאן — עָנִי — אֶבְיוֹן. אזעלכע ווערטער הייסען סינאנימען (שֵׁמוֹת נִרְדָּפִים).

א סך סינאנימען פערמאגט די העברעאישע שפראך, און אפטמאל ווערען איינינגע אזעלכע סינאנימען בענוצט אין יידישען אויף א מאל, אום צו פערשטארקען דעם געדאנק, למשל: עָנִי וְאֶבְיוֹן, שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, יָגוֹן וַאֲנָחָה. כָּזָב וָשֶׁקֶר, אֱמֶת וָצֶדֶק, וכדומה.

§ 11. רעדען און שרייבען.

דער צוועק פון רעדען און שרייבען איז בעקאנט צומאכען דעם צווייטען מיט די געדאנקען, וועלכע זענען בעוואוסט דעם רעדנער אדער דעם שרייבער.

יעדער געדאנק קאן ווערען ענטוויקעלט קירצער און לענגער. אבער ביי ביידע פעלע מוז ער זיין גענוג דייטליך, פאלקאם און פערשטענדליך.

די פאלקאמענהייט און פערשטענדליכקייט פון געדאנק זענען כְּלַל נישט אבהענגיג אן דער צאהל פון די ווערטער. ריכטיג ווי מען קאן ניט פאלקאם אויסדריקען דעם געדאנק מיט וועניג ווערטער, דארט וואו מען ברויכט פיעל, פונקט אזוי ווערט דער געדאנק ניט קלאהר און אמאל גאר אונפערשטענדליך, ווען ער ווערט אויסגעדריקט דורך צופיעל ווערטער, וועלכע זענען איבעריג.

פאלקאם און פערשטענדליך ווערט יעדער געדאנק נאר דאן, ווען ער איז ריכטיג געבויט, און ווען זיין אינהאלט איז גענצליך אויסגעדריקט.

כְּדֵי צו פערשטעהן ריכטיג אויסדריקען א געדאנק, מוז מען אומבעדינגט וויסען די אלע כְּלָלִים וועגען זאץ.

§ 12. זאַץ.

יעדער געדאַנק, וועלכער איז אויסגעדריקט מינדליך אָדער שריפטליך, הייסט זאַץ.

אין יעדען געדאַנק געפינט זיך שטענדיג אַ געגענשטאַנד, וועגען וועלכען מען רעדט, און אַ געוויסע פּעולה אָדער אַן׳איינגענשאַפט, וואָס מען דערציעהלט וועגען דעם געגענשטאַנד, למשל:

„דער פאָטער קומט״. די פּאָר ווערטער דריקען אויס אַ געדאַנק, דעריבער הייסט עס זאַץ. אין דעם זאַץ ווערט גערעדט וועגען „פאָטער״ און עס ווערט דערציעהלט זיין פּעולה: וואָס טהוט דער פאָטער? — ער „קומט״.

„דאָס קינד איז קלוג״. דאָ האָבען מיר ווידער אַ זאַץ. עס ווערט גערעדט וועגען „קינד״ און עס ווערט דערציעהלט זיין איינגענשאַפט: ווי איז דאָס קינד? — „קלוג״.

דער געגענשטאַנד, וועגען וועלכען עס ווערט גערעדט, הייסט **סוביעקט**. (נושא), און ענטפערט אויף די פראַגען: **ווער? וואָס?**

דאָס, וואָס ווערט ערצעהלט וועגען געגענשטאַנד, הייסט **פרעדיקאַט** (נשוא) און ענטפערט אויף די פראַגען: **וואָס טהוט דער געגענשטאַנד? וואָס טהוט זיך מיט איהם? ווי איז ער?** למשל:

דער שילער שרייבט. דער לעהרער לערענט. טינט איז שוואַרץ. דער עפּעל איז רויט. דאָס הויז ברענט. דער בוים איז איינגעפאַלען.

אין די דערמאָנטע ביישפּיעלען זענען די ווערטער: **שילער, לעהרער, טינט, עפּעל, הויז, בוים** סוביעקטען, ווייל וועגען זיי ווערט גערעדט און זיי ענטפערען אויף די פראַגען: **ווער? וואָס?** און די ווערטער: **שרייבט, לערענט, שוואַרץ, רויט, ברענט, איינגעפאַלען** — פּרעדיקאַטען, ווייל זיי ענטפערען אויף איינע פון די פראַגען: **וואָס טהוט ער? וואָס איז מיט איהם? ווי איז ער?**

אנמערקונג: צווישען סוביעקט און פּרעדיקאַט געפינען זיך אַמאָל פערבינדונגס-ווערטער: למשל: דער טאָג איז לאַנג. די נעכט זענען קורץ. דער שילער האָט געלערענט. די שילערין וועט קומען. די ווערטער: איז, זענען, האָט, וועט, זענען אין די דערמאָנטע ביישפּיעלען פערבינדונגס-ווערטער, ווייל זיי פערבינדען צוזאַמען דעם סוביעקט מיט דעם פרעדיקאַט.

§ 13. הױפּטטײלען און נעבענטײלען פֿון זאַץ.

דער סוביעקט און פּרעדיקאַט הײסען הױפּטטײלען פֿון זאַץ, װײל אָהן זײ קאָן זיך קײן זאַץ נישט צוזאַמענשטעלען, דען װען עס פֿעהלט דער סוביעקט, האָבען מיר ניט װעגען װעמען, אָדער װעגען װאָס צו רעדען; פֿעהלט דער פּרעדיקאַט, איז ניטאָ װאָס צו רעדען װעגען סוביעקט.

דאַגעגען אָבער געפֿינען זיך עפֿטער אין זאַץ װערטער פֿון אַ צװײטער מַדְרֵגָה, אָהן װעלכע דער זאַץ שטעלט אויף אַ געדאַנק נאָר נישט גאָר גאַנץ און פֿול. אַזעלכע װערטער הײסען נעבענטײלען פֿון זאַץ.

נעבענטײלען גיבּט עס אין זאַץ פֿאָלגענדע: 1) **אַטריבּוט** (אײגענשאַפֿטס און אַנגעהעריגקײטס װערטער). 2) **אָביעקט** (ערגענציגונגס װערטער). 3) **אַדװערבּום** (אומשטאַנדס װערטער, אָדער בעשטימונגס װערטער).

דער אַטריבּוט בעצײכענט די אײגענשאַפֿטען אָדער די געהעריגקײט פֿון די געגענשטאַנדען און ענטפֿערט אויף די פֿראַגען: **װעלכער? װעלכע? װעלכעס? װעמעס?** למשל: דער פֿלײסיגער (װעלכער?) **שילער לערענט. די טרײַע** (װעלכע?) **טאָכטער איז געקומען. דאָס קלײן קינד** (װעלכעס?) **שטעהט. אונזער** (װעמעס?) **פֿאָטער איז אַװעקגעפֿאָהרען.**

דער אָביעקט מאַכט גאַנץ דעם זאַץ און ענטפֿערט אויף די פֿראַגען: **װעמען? װאָס? פֿון װעמען? פֿון װאָס? צו װעמען? צו װאָס? מיט װעמען? מיט װאָס? װעגען װעמען? װעגען װאָס?** למשל:

די שילער זענען אַװעק (פֿון װעמען?) **פֿון'ם לעהרער.** די אַרבּײטער זענען אַװעק (פֿון װאָס?) **פֿון מאַשין.** טיטוס האָט זיך ערנעהנטערט (צו װאָס?) **צו ירושלים.** טיטוס מיט זײן **חַיִל** (מיט װעמען?) האָט חָרוב געמאַכט (װאָס?) **דעם בֵּית הַמִקְדָשׁ.** דָוִד האָט מְנַצֵחַ געװען (װעמען?) **גָלְיַת'ן.** מיר רעדען (װעגען װעמען?) **װעגען אונזער ברודער.**

דאָס אַדװערבּום בעשטימט: 1) די צײַט פֿון דער פּעולה (אַרבּײַט־װערבּום). 2) דעם אָרט פֿון דער פּעולה. 3) די פֿאָרם פֿון דער פּעולה. 4) די סִבּה, צוליעב װעלכער די פּעולה איז געטהון אָדער ניט געטהון געװאָרען. 5) דעם צװעק פֿון דער פּעולה.

דעריבּער גיבּט עס: 1) אַדװערבּומס פֿון צײַטבעשטימונג. 2) אַדװערבּומס פֿון אָרטבעשטימונג. 3) אַדװערבּומס, װאָס בעשטימען די פֿאָרם פֿון דער פּעולה. 4) אַדװערבּומס, װאָס בעשטימען די סבּה פֿון דער פּעולה. 5) אַדװערבּומס, װאָס בעשטימען דעם צװעק פֿון דער פּעולה.

דאָס אַדווערבום פון צייטבעשטימונג ענטפערט אויף די פראַגען: ווען? ווי לאַנג? פון וועלכער צייט? ביז וועלכער צייט? למשל: מיר האָבען היינט (ווען?) אַ גאַנצען טאָג (ווי לאַנג?) פון אַכט פריהמאָרגענס (פון וועלכער צייט?) ביז אַכט אָוועגדם (ביז וועלכער צייט?) געשפאַצירט אין וואַלד.

דאָס אַדווערבום פון אָרטבעשטימונג ענטפערט אויף די פראַגען: וואו? וואוהין? פון וואַנען? למשל: דוד המלך האָט געוואוינט (וואו?) אין ירושלים. די יידען זענען אַרויס (פון וואַנען?) פון מצרים און אַוועק (וואוהין?) אין כנען.

דאָס אַדווערבום, וואָס בעשטימט די פאָרם פון דער פעולה, ענטפערט אויף די פראַגען: ווי? אַזוי? אויף וועלכען אופן? למשל: דער טיש שטעהט גלייך. דער שילער שרייבט שען.

דאָס אַדווערבום, וואָס בעשטימט די סבה פון דער פעולה ענטפערט אויף די פראַגען: צוליעב וואָס? צוליעב וועלכער סבה? למשל: דער שילער קומט ניט צוליעב זיין קרענק. די הענד זענען פערפרוירען פון קעלט.

דאָס אַדווערבום, וואָס בעשטימט דעם צוועק פון דער פעולה ענטפערט אויף די פראַגען: צו וועלכען צוועק? פאַרוואָס? למשל: דער סוחר איז געקומען אין וואַרשע (צו וועלכען צוועק?) קויפען סחורה. נאַפּאָלעאָן איז געקומען אין רוסלאַנד מלחמה האַלטען.

אויסער דעם קאָנען נאָך אַריינקומען אין זאַץ ווענדונגס־ווערטער, למשל: קום אַהער, מיין קינד! ברענג מיר, דָוִד, דאָס בוך. אין די ביי־שפיעלען זענען די ווערטער: „מיין קינד", „דָוִד" ווענדונגסווערטער, ווייל צו זיי ווענדעט מען זיך מיט'ן געשפרעך.

ווענדונגסווערטער טיילען זיך שטענדיג אָב אין זאַץ מיט אַ קאָמאַ.

§ 14. איינפאַכער און צוזאַמענגעזעצטער זאַץ.

ווען דער זאַץ בעשטעהט נאָר אויס אַ סוביעקט און אַ פּרעדיקאַט, ווי למשל: „דאָס קינד שלאָפט", הייסט ער אַ ריינער איינפאַכער זאַץ. ווען אָבער אויסער די הויפטטיילען קומען אַריין אין זאַץ אויך נעבענטיילען, ווי למשל: „אונזער גוטער פריינד איז היינט געקומען פון בערלין", הייסט ער

אַנ׳ערוואַרטעטער אײַנפֿאַלער זאַץ. ווען צוויי זאַצען זענען שטאַרק פֿערבונדען מיט זייערע געדאַנקען און אײנער ערקלערט דעם צווייטען, הייסט עס אַ צוזאַמענגע־זעצטער זאַץ. למשל:

אַז ער געהט דורך די גאַס אײַנגעהויקערט אונטערן קאַסטען סחורה,
זעהט מען איהם נישט אַרוים.
(י. ל. פּרץ).

דער הויפּט געדאַנק איז דאָ דער צווייטער טייל: **זעהט מען איהם נישט אַרוים.** דעריבער הייסט ער הויפּט־זאַץ. דער ערשטער טייל פֿון זאַץ קומט צו ערקלערען, ווען מען זעהט איהם נישט אַרוים, דעריבער הייסט ער זײַטיגער אָדער נעבען זאַץ. בײדע זאַצען צו זאַמען הייסען צוזאַמענגעזעצטער זאַץ.

§ 15. פּעריאָדישער זאַץ.

אַ בעזונדער קלאַס פֿון צוזאַמענגעזעצטע זאַצען בילדען די פּעריאָדען. דאָס זענען אַזעלכע צוזאַמענגעזעצטע זאַצען, וואָס זענען גרויס און קונסטפֿאָל אויס־געבויט און בעשטעהען פֿון צוויי הויפּטטייל׳ען. דעם ערשטען טייל לייענט מען געוועהנליך העכער, דעם צווייטען — ניעדריגער. די הויפּטטיילען אַליין קאָנען אויך בעשטעהן פֿון אײניגע זאַצען אָדער גליעדער, למשל:

פֿאַר אײַך, מײַנע אָרימע ברידער און שוועסטער,
וואָס זענען צוזייעט און צו שפּרייט אויף דער וועלט, |
וואָס קריכען און בלאָנזען אויף טויזענדער וועגען,
אין רעגען, אין שטורם, אין היץ און אין קעלט, |
פֿאַר דיך, אוי, דו עביגער קרעכצער און זיפֿצער,
פֿערשוואַרצטער, פֿערקלאָגטער, פֿעריאָמערטער ייד, ||
טהוט שאַלען און זינגען, הילכען און קלינגען
מײַן פֿרישעס, מײַן לעבעדיגס־פֿרעהליכעס ליעד.
(ש. פֿרוג).

די ערשטע 6 שורות פֿון דער דאָזיגער פּעריאָדע בילדען דעם ערשטען הויפּטטייל, די לעצטע 2 שורות — דעם צווייטען הויפּטטייל. דער ערשטער הויפּטטייל בעשטעהט נאָך פֿון 3 זײַטיגע גליעדער, צוזאַמען שטעלט עס אויף אַ פּעריאָדע.

אַ צווייטער בײַשפּיעל:

קוים גיט אַ שײַן די ליכטיגע זון און זומערלעב אין דעם לאַנד, | מענטשען ווערען ווי נײַ געבוירען, און דאָס האַרץ פֿרעהט זיך זיי, קוקענדיג אויף גאָט׳ס וועלט דער שענער; || דענסטמאָל הויבט בײַ יידען זיך אָן די רעכטע אומעטיגע צײַט, צו קלאָגען און פֿערגיסען טרעהרען.
(מענדעל: מוכר ספרים).

אויך די פעריאָדע בעשטעהט פון צוויי הויפּטטייל‌ען, ווי יעדע, אָבער דער ערשטער הויפּטטייל בעשטעהט פון 2 גליעדער, און דער צווייטער — פון איינעם.

די אויסערליכע זייט פון אַ ליטעראַרישעם ווערק אָדער זיין סטיל.

§ 16. דער אינהאַלט און די פאָרם.

יעדעם ליטעראַרישע ווערק קאָן מען בעטראַכטען פון צוויי זייטען: לויט זיין אינהאַלט און לויט זיין פאָרם. דער אינהאַלט איז דער געדאַנק, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דעם ווערק, דאָס וואָס דער פּראָפעסער וויל אונז לאָזען הערען מיט זיינע ווערטער; די פאָרם — די אַרט שפּראַך פון דעם ווערק, די מיטלען, וואָס דער פּראָפעסער בענוצט, כדי אויסצודריקען דעם אינהאַלט. אַז מען רעדט וועגען אינהאַלט שיקט זיך צו שטעלען די פראַגע „וואָס?“ (וואָס איז דער פּראָפעסער אויסען? וואָס איז זיין מיין? וואָס דערצעהלט ער?) וועגען דער פאָרם שיקט זיך נאָר די פראַגע „ווי אַזוי?“ (ווי אַזוי דערצעהלט ער? ווי אַזוי איבערצייגט אונז דער פּראָפעסער אין דער וואַרהייט פון זיין געדאַנק?) די פאָרם, אָדער די אויסערליכע זייט פון אַ ווערק, איז אייגענטליך דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבען שוין פריהער אָנגערופען „סטיל“.

סטיל stilus האָט געהייסען אויף לאַטייניש אַ שטעקעלע, מיט וועלכען די אַלטע רוימער פלעגען שרייבען אויף טאַבליצעס. איין זייט איז געוועזען שפּיציג, און מיט איהר פלעגט מען שרייבען, די צווייטע זייט שטומפּ (טעמפּע), כדי צו מעקען מיט איהר דאָס געשריבענע.

פערשיעדענע שרייבער קענען האָבען פערשיעדענע סטילען, אָבער יעדער גוטער סטיל מוז זיין פריי פון געוויסע חסרונות און מוז האָבען איינינע אייגענשאַפטען, וואָס מיר וועלען דאָ ווייטער אויסרעכענען.

§ 17. די אייגענשאַפטען פון אַ גוטען סטיל.

כדי דער סטיל זאָל קאָנען אָנגערופען ווערען גוט, מוז דאָס ווערק זיין געשריבען אין אַ ריכטיגער, קלאָרער, דייטליכער און ריינער שפּראַך.

א) די ריכטיגקייט פון דער שפּראַך בעשטעהט אין דעם, 1) מען זאָל נישט מאַכען גראַמאַטיקאַלישע פעהלערן, ווי למשל פיעל שרייבען: „די קאָפּ" אָנשטאָט „דער קאָפּ", „די היטעל" אָנשטאָט „דאָס היטעל", 2) מען זאָל זיך נישט בענוצען מיט פאָרמען, וואָס זענען אָנגענומען אין אַנדערע שפּראַכען, ווערענד אין יידישען עקזיסטירט פאַר זיי אַנ'אַנדער פאָרם, למשל: „וואָס עס זאָל נישט געשעהן" (פון רוסישען) אָנשטאָט די יידישע פאָרם „וואָס עס וועט געשעהן", „איך האָב דורשט" (פון פוילישען) אָנשטאָט „איך בין דורשטיג". אַזעלכע אונריכטיגקייטען, וועלכע קומען אַרויס דורך דער בענוצונג פון פאָרמען, וואָס זענען אָנגענומען אין אַנדערע שפּראַכען, האָבען פערשידענע נעמען, לויט דער שפּראַך, צו וועלכער די דאָזיגע פאָרם געהערט, למשל: וויפיעל יאָהר האָסט דו? (אָנשטאָט: ווי אַלט ביזט דו?) (פּאָלאָניזם), ווי רופט מען איך? (אָנשטאָט: ווי הייסט איהר?) (רוסיציזם), איך טהו נישט שרייבען (אָנשטאָט: איך שרייב נישט (אַנגליציזם), א. ז. וו.

ב) קלאָר איז די שפּראַך דאַמאָלט, ווען דער שרייבער דריקט אויס זיינע געדאַנקען אין אַזאַ פאָרם, דאָס דעם לעזער איז לייכט זי צו פערשטעהן. כדי צו דערגרייכען דעם דאָזיגען ציעל, מוז דער שרייבער אַליין האָבען אַ קלאָרען בעגריף וועגען דעם, וואָס ער וויל שרייבען; צווייטענס, מוז ער זעהן אויסצו־מיידען אַזעלכע פאָרמען, וואָס מען קאָן זיי אויסטייטשען אויף צוויי אופנים, ווי למשל: נעכטען האָט בעמערקט די שוועסטער דאָס קינד (דאָ ווייס מען נישט, ווער האָט וועמען בעמערקט). דער זוהן פון מיין ברודער, וואָס איז פאַר אַ יאָהרען ביי מיר געוועזען, איז נעכטען געקומען. (ווער איז פאַר אַ יאָהרען געוועזען? דער ברודער אָדער זיין זוהן?).

אַלטער איז אַ ציטעריגער, איין און איינציגער איז ער, אַ בן־יחיד, דאָס הייסט, מיר האָבען געהאַט אַ חוץ איהם נאָך אַ יינגעל, ער האָט געהייסען אייזיק. בעדאַרף זיך טרעפען אַנ'אומגליק, מען האָט איהם (וועמען?

אַלטער׳ן אָדער איינזיק׳ן ?) איבערגעלאָזט איינעם אַליין. (אַזוי רעדט דער העלד פון שלום עליכם׳ס „פריזיוו״).

ג) דייטליך איז די שפּראַך, ווען מען בענוצט נאָר די ווערטער, וועלכע בעצייכנען ריכטיג דעם בעגריף, וואָס מען וויל אויסדריקען. דערצו מוז מען זיך ריכטיג בענוצען מיט די סינאָנימען (§ 9.), דען, האָטש זיי האָבען כמעט די זעלבע בעדייטונג, קאָן מען זיי פאָרט נישט בענוצען איינעם אָנשטאָט דעם אַנדערן, למשל, „ענטדעקען״ און „ערפינדען״ זענען סינאָנימען; צווישען זיי איז אָבער דאָ אַחלוק: „ענטדעקען״ קאָן מען נאָר דאָס, וואָס עס געפינט זיך אויף דער וועלט פערטיגערהייד, נאָר מיר ווייסען נישט דערפון, און „ערפינדען״ קאָן מען עפּעס אַנייעס, וואָס ביז יעצט האָט עס נאָך נישט עקזיסטירט.

ניוטאָן האָט „ענטדעקט״ דעם כח המושך (אנציהונגס-קראַפט), קאָלומבוס האָט „ענטדעקט״ אַמעריקאַ. דאַגעגען האָט מאַרקאָני - „ערפונדען״ דעם טעלעגראַף אָהן דראָט, עדיסאָן האָט „ערפונדען״ דעם פאָנאָגראַף.

מען קאָן נישט זאָגען „ערפונדען״ אַמעריקאַ, „ענטדעקט״ דעם פאָנאָגראַף, אַזוי ווי מען קאָן אויך נישט זאָגען „אַפּריש בגד״ און „אַניי ברויט״, חאָטש „פריש״ און „ניי״ זענען סינאָנימען.

ס׳איז פאַרהאַן אַסך מענשען, וועלכע קענען זיך נישט אויסדריקען דייטליך און קורצען, און בענוצען אָפטמאָל איבריגע ווערטער גאָר אָהן אַשום נויטיגקייט, אַזאַ פאָרם שרייבען אָדער רעדען הייסט פּלעאָנאַזמען - איבערפילונג, (פון גריכישען), למשל:

איך האָב עס אַליין געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען;

ער איז ביי מיר אַבן-יחיד, איין און איינציגער, כ׳האָב נישט מעהר קיין קינדער;

די היסטאָריע פון דער געשיכטע איז אַזאַ מעשה: אַליין בין איך אַ מעזערעטשער פון מעזערעטש, אַגולד בין איך, דאָס הייסט אַגע-באָרענער, ווי מען זאָגט, אַמאַזעפּעווקער, אַנכתב אַצוגעשריבענער

הייסט דאָס אַ וואָראָטילעווקער, דאָס הייסט אַמאָל בין איך נישט היינט געדאַכט געזעסען אין וואָראָטילעווקע בין איך, נאָר היינט זיץ איך אין מעזערעטש.
(דער אויבענדערמאָהנטער העלד פון שלום עליכם).

אַזעלכע פלעאָנאַזמען געפינט מען זעהר פיעל אין שלום עליכם'ס מאָנאָ־לאָגען, אין וועלכע ער לאָזט זיינע העלדען רעדען מיט זייער פשוט'ער, טעגלי־כער שפּראַך.

דעם אויבענדערמאָהנטען זאַץ וואָלט מען געקאָנט גאַנץ דייטליך אויס־דריקען אויף אַזאַ אופן:

די מעשה איז אַזוי: געבוירען געוואָרען בין איך אין מאַזעפּעווקע, יעצט וואָהן איך אין מעזערעטש, נאָר אַמאָל האָב איך געוואָהנט אין וואָראָטילעווקע און דערביבער בין איך דאָרט פערשריבען.

ווען מען חזר'ט איבער דאָס אייגענע וואָרט דורך זיינם אַסינאָנים אָדער דורך אַוואָרט פון זעלבען שורש, הייסט עס טויטאָלאָגיע, — די זעלבע ווערטער, (פון גריכישען), למשל:

אַנ'אַלטער זָקן; אַ יונגער יונגערמאַנטשיק; אַ נישט בעווייבטער בָּחור; ער האָט נישט קיין אַרבייט און קיין בעשעפטיגונג; דאָרט איז דאָ אַ ליידיג, נישט פערנומען אָרט; אַנ'אָרימער אָרימאַן א. ז. וו.

ד) ריין איז די שפּראַך, ווען מען בענוצט זיך מיט פרעמד־ווערטער (§ 8). נאָר דאַמאָלס, ווען מען געפינט נישט פאַר'ן געדאַנק, וואָס מען וויל אויסדריקען קיין פאַסענדען אויסדרוק אין יידישען, נעאָלאָגיזמען (§ 7) זאָל מען נאָר דאַמאָלס איינפיהרען, ווען עס איז אונבעדינגט נויטיג און אויך מיט אַמאָס, כדי נישט אויף אַמאָל צו פערוואַרפען דעם לעזער מיט נייע, ביז יעצט איהם אומבע־קאַנטע ווערטער. אויספיהרליכער איז וועגען דעם שוין גערעדט געוואָרען פריהער (§ § 7, 9).

§ 18. פעריאָדישע און אונפעריאָדישע שפּראַך.

מיר האָבען דאָ אויסגערעכענט אַלע כּללים, וועלכע מוזען ווערען שטרענג אָבגעהיט פון יעדען שרייבער. וואָס אַנבעלאַנגט דעם בוי פון די זאַצען און

ווי זיי ווערען צוזאמענגעשטעלט, דאס ווענדעט זיך שוין אן שרייבער אליין, אן זיין געשמאק און אן דער זאך, וואס ער בעהאנדעלט. וויל ער, קאן ער זיך בענוצען מיט פעריאדישע זאצען, ווען דאס שטערט נאר נישט דעם לעזער דייטליך צו פערשטעהן דעם אינהאלט; וויל ער, קאן ער זיך בענוצען מיט קורצע אונפעריאדישע זאצען.

מיר ברענגען דא 2 ביישפיעלען פון פעריאדישער און אונפעריאדישער שפראך, און ביידע זענען גלייך שען און קונסטפאל:

אונפעריאדישע שפראך.

א זומער-אווענד אויפ'ן דארף.

אויפ'ן ברעג פון טייך זיץ איך, אין שאטען פון וואלד.

בלוטיג איז אונטערגעגאנגען די זון, זילבערן בלאס איז ארויסגעשוואומען די לבנה...

אין קריסטאלענעם וואסער-שפיעגעל שלאגט זיך אב דער הימעל... און דער אבגעשפיגעלטער זעהט מיר אויס שענער, פיינער און עכטער... א שא! וואס ער צערייסט זיך אפט! א שטיל ווינטעל טרייבט, דער וואסערשפיגעל רייצט זיך, רונצעלט, שרומפט איין...

שטיל רוישען די בלעטער, שטיל ציטערן די וואסער-רעדליך אויפ'ן טייך... שטיל גיסען אויס די בלומען זייער אטהעם, שטיל... פון ווייטען, טרילערט עפעס א פויגעל...

איך זיץ ווי פער'כשופט... איך אטהעם אויף א נייער וועלט, אין אנ'אנדערער, ריינער, הייליגער לופט. פריש איז דא אלץ און ניי, ווי ערשט פון בעשעפערס הענד ארויס...

עס בענגט זיך דא אזוי זיס... מען קריגט דא אלץ אזוי ווייכהערציג-ליעב, עס גיעסט זיך אזוי אלץ צוזאמען מיט דער נשמה...

א שווארצער פלעק בעוויזט זיך אויפ'ן טייכעל פון ווייטען... א קליינער פישער-קאהן... דאס וואסער רוישט עס ליעבליך ארום, עס בעווארפט עס מיט'ן שוים ווי מיט ווייסע דראבנע בלימלעך, און די פאליע לעכצט און קושט עס אוים אלע גליעדער...

(י. ל. פרץ).

פּעריאָדישע שפּראַך:

די זון איז דערווייל אויפגעגאַנגען זעהר שיין און האָט אַראָבגעקוקט מיט איהר ליכטיגען פּנים אויף די וועלט. איין קוק איהרער האָט צוגעגעבען א שטיק געזונד, מחיה געווען איטליכע זאַך בעזונדער. בוימער און גראָז האָבען עפּיס ווי זיס געשמייכעלט, אויבער די גרויסע טרעהרען טוי פון ביינאַכט זיינען נאָך נישט אויסגעטריקענט, אַקוראַט ווי קליינע קינדער צולאַכען זיך פּלוצלינג פרעה-ליך און מיטען געוויין פון אַ בלישטשענדיג צאַצקעלע, בשעת טרעהרען ווי די באָבען שטעהען זיי נאָך אין די אויגען. די פעלד פייגעלעך האָבען געשווינד זיך געטראָגען אין דער לופט, געשפּילט און געזונגען אַרום בנימינ'ן, גלייך ווי זיי וואָלטען געזאָגט: „קומט, לאָמיר זינגען, שאַלען און דערפרעהען דעם פיינעם פּאַרשוין נעבען די ווינדמיהל! דאָס איז בנימין אַליין, דאָס איז בנימין דער טונעיאַדאָווקער, דער אַלכסנדר מוקדון פון זיין צייט, וואָס ער פערלאָזט זיין פאַטערלאַנד, וואַרפט אַוועק ווייב און קינדער און געהט אין גאָט'ס שליחות, וואוהין די אויגען טראָגען! אָט שטעהט דער גרויסער בנימין, וואָס ער איז ווי די זון אַרויס פון זיין געצעלט אין פרעהט זיך ווי אַ גבור צו לויפען אין וועג מיט זיין פּעקעל אין דער האַנד! ער איז שטאַרק ווי אַ לעמפּערט און גרינג ווי אַנ'אָדלער צו טהון דעם רצון פון אונזער פאָטער אין הימעל! זינגט, שפּילט: טירילי-לי-לי, טרילי, טריל! שאַלט, זינגט און דערפרעהט זיין האַרץ!...

(מענדעלי מו"ס).

§ 19. לאַקאָניזמוס.

אויסדריקען און זאַצען, וועלכע זענען זעהר קורץ און שאַרף געפּאַסט, הייסען לאַקאָנישע (אויפ'ן נאָמען פון אַ פּראָווינץ אין אַלטען גריכענלאַנד - לאַקאָניקע – וואָס איהרע איינוואָהנער פלעגען זיך אויסדריקען קורץ און שאַרף), למשל: **געזאָגט, געטהון; מיט איהם אָדער אויף איהם**, (אַזוי האָט געזאָגט אַ מוטער זיין ספּאַרטאַ, די הויפּטשטאָט פון לאַקאָניקע, צו איהר זוהן, ד. ה. אָדער ער זאָל קומען „מיט איהם", מיט'ן פּאַנצער, אָדער מען זאָל איהם ברענגען „אויף איהם", אויפ'ן פּאַנצ ר, ן טוידטען).

§ 20. די מַעלות פֿון אַ שענעם סטיל.

מיר האָבען שוין ערקלערט, אַז ריכֿטיג, קלאָר, דייטליך און ריין מוז געשריבען ווערען יעדעס ליטעראַרישע ווערק, סיי עס בעשעפֿטיגט זיך מיט אַ וויסענשאַפֿטליכֿע פֿראַגע, סיי עס איז אַ בעשרייבונג פֿון עפּעס אַ זאַך, אָדער זאָגאַר אַ בריעף צו אַ פֿריינד. די שפּראַך אָבער פֿון דער שענער ליטעראַטור, און איבערהויפּט פֿון דער פּאָעזיע, מוז נאָך בעזיצען אין אַ גרעסערע אָדער קלענערע מאָס אַנדערע מַעלות, וועלכֿע פֿערפּוצען די שפּראַך, געבען איהר צו לעבעדיגקייט, ווייכֿקייט און מאַכֿען זי אַנגענעהם און שען קלינגענד פֿאַר'ן אויער פֿונ'ם הערער אָדער לעזער.

די דאָזיגע מעלות זענען: 1) די בילדליכֿקייט אָדער די שילדערונגס־פֿעהיגקייט, 2) די האַרמאָניע.

§ 21. די שילדערונגספֿעהיגקייט.

די בילדליכֿקייט אָדער שילדערונגספֿעהיגקייט פֿון דער שפּראַך בעשטעהט אין דעם בענוצען אויפֿ'ן ריכֿטיגען אָרט פּאַסענדע אויסדריקע און ווערטער, וועלכֿע שילדערען פֿאַר אונז לעבענדיג די בעשריבענע זאַכֿען, אַז זיי שטעלען זיך אונז פֿאָר אין די געדאַנקען גאַנצערהייד, פּונקט ווי מיר וואָלטען זיי זעהן פֿאַר די אויגען.

עררייכֿען דעם ציעל קאָנען נאָר אַזעלכֿע שרייבער, וואָס זענען בעגאַבט פֿון דער נאַטור מיט אַ גרויסער איינבילדונגס־קראַפֿט און פֿאַנטאַזיע.

די אַרטען אויסדריקע און ווערטער, וועלכֿע אַזעלכֿע שרייבער בענוצען, כְּדֵי צו פֿערגרעסערען די בילדליכֿקייט פֿון זייער סטיל, זענען פֿערשיעדען און האָבען אויך פֿערשיעדענע נעמען.

§ 22. וווילקלאַנג.

אַ ריכֿטיגע שילדערונג ווערט פֿיעל מאָל געשאַפֿען דורך וווילקלאַנגעדע, גוט צוזאַמענגעשטעלטע ווערטער, וועלכֿע דריקען אויס עהנליכֿע קלאַנגען, ווי די פּעולות, וועלכֿע ווערען געשילדערט; דורך פּאַסענדע און ריכֿטיג צוזאַמענגע־

שטערטע ווערטער קאָן דער פּאָעט אבערגעבען דעם רויש פֿון וואַסער, די שטילקייט אין דער לופֿט, דאָס געזאַנג פֿון פֿויגער און דאָס גלייכען.

אַלס ביישפּיעל ברענגען מיר צוויי שטיקלעך פֿון פּרץ'ס באַלאַדע „מאָניש“:

אין קעניגרייך פּוילין,
האַרט ביי דער גרעניץ,
ליגט זיך אַ שטעדטעלע
גרויס ווי אַ גענית.

און קוים וואָס מען זעהט עס,
מען הערט עס אויך זעלטען;
הייזלעך ווי ניסלעך,
פֿון שמות געצעלטען...

אין גאַנצען אַ צעהנדלינג,
צו צעהלען אויף פֿינגער!
עס בייסען די צינגען
די דעכער פֿאַר הונגער!

און שטיל ווי אַ קברות;
מענשען ווי מתים;
קיין גאוה, קיין תאוה,
מען לעבט פֿון תענית.

די פּאָר סטראָפֿען ציהען זיך לאַנגזאַם. ווי אַ שלאָף פֿון אַ מיעד קליין שטעדטעלע. עס דאַכט זיך, מען מערקט דאָס זאָרגען פֿון די מיעדע, אָבגע-לאָזענע, צו גאָרנישט-פֿעהיגע בעלי-בתים פֿון קליינעם שטעדטעלע.

דאַגעגען הערט מען אין דעם שטיקעל, וואָס מיר ברענגען ווייטער דאָס טראָמפּייטען, דאָס לויפֿען פֿון די פֿערד, דאָס קנאַקען פֿון בייטש און קלינגען פֿון גלעקלעך, — מיט איין וואָרט, אַלעס וואָס עס ווערט דאָ געשילדערט, הערט, דאַכט זיך, דער לעזער, עס שטעהט פֿאַר איהם ווי לעבעדיג, ווען ער לעזט די דאָזיגע פּאָר שורות:

טראַ-ראַ-ראַ, טראַח!
וואָס איז געשעהן?
צי האָט נישט דאָרט עמיץ
משיח'ן געזעהען?

ווען בלאָזט מען דען שופֿר?
דאָך אלול, נישט תמוז:
צי איז ער משוגע
געוואָרען דער שמש?

וואָס בלאָזט עס און פּייטשט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פּלאַצען די דעמדעס
און סאָסנעס אין וואַלד?

עס פּייטשט און קנאַלט,
עס זעצט, עס קנאַקט,
עס יאָגט אַן עקסטראַ-
פּאָסט פֿון טראַקט!

אָה! ווער האָט אַזאַ
קלינגען געהערט?
ווער האָט געזעהן אַזוי
פלוהען פיער פערד?

עס קלינגען די גלעקלעך
וואָס אַמאָל פריער,
עס שפּריצען די פּאָדקאָוועס
פונקען און פייער.

עס שלענגעלט זיך, קנאַקט
אָהן רחמים, די בייטש!
מע׳שטעהט מיט די אָפענע
מיילער: וואָס טייטש?

§ 23. רעטאָרישע פיגורען.

אַנדערע מיטעל, וואָס פערגרעסערען די שילדערונגסקראַפט פון דעם סטיל, זענען די דאָזיגע שפּראַכפאָרמען, וואָס ווערען אָנגערופען רעטאָרישע פיגורען, אַזוי הייסען ווערטער און אויסדריקע, ווען זיי קומען נישט אין זייער געוועהנליכען, נאָר אין אַנ׳אַנדערען זין, אָדער ווען זיי ווערען בענוצט נישט אויפ׳ן געוועהנליכען שטייגער, חאָטש דער זין זייערער בלייבט דער זעלבער.

די רעטאָרישע פיגורען קאָן מען אַלזאָ איינטיילען אין צוויי קלאַסען: צו דער ערשטער קלאַס געהערען די אַלע פיגורען, וועלכע זענען אַרויסגעקומען פון דער פערגלייכונג; צו דער אַנדערער — געהערען די דאָזיגע שפּראַכפאָרמען, אין וועלכע מען בענוצט אויסדריקען נישט אויפ׳ן געוועהנליכען שטייגער.

§ 24. די ערשטע קלאַס פון פיגורען.

צו דער ערשטער קלאַס פון פיגורען געהערען: 1) די פערגלייכונג, 2) די איבערטראָגונג אָדער מעטאַפאָרע*), 3) פּערזאָניפיקאַציע, 4) אַלעגאָריע, 5) היפּער־בעל אָדער גוזמא, און 6) מעטאָנימיע אָדער נאָמענפערטוישונג.

§ 25. די פערגלייכונג.

צוויי זאַכען, וועלכע האָבען ביידע די זעלבע געוויסע אייגענשאַפטען, ווערען אָנגערופען ענליך, און מען קאָן זיי פערגלייכען. דערמיט בענוצט זיך

*) א גריכיש וואָרט, וואָס בעדייטעט: איבערטראָגונג. די אַלע נעמען פון די פיגורען און אַנדערע טערמינען אין דער סטיליסטיק און ליטעראַטור-וויסענשאַפט זענען מיינסטענס גריכישע.

זעהר אָפט דער פּאָעט, און כּדי צו פאַרשטעלען לעבעדיגער אַ בּילד, וועלכעס איז אונז וועניגער בּעקאַנט, פערגלייכט ער עס מיט אַנ'אַנדער בּילד, וואָס איז אונז מעהר בּעקאַנט, למשל:

און דער אויפגעוועקטער הימעל
צונדט זיך אָן, ווי פּלאַקערדיג פייער. (מ. ראָזענפעלד).

צוויי מאָל און יאָהר פּינקטליך, ווי אַ זייגער, ראש חדש ניסן
און ראש חדש אלול, פאָהרט פישעל דער מלמד פון בּאַלטע.
(שלום עליכם).

§ 26. די איבּערטראָגונג.

די איבּערטראָגונג אָדער מעטאַפאָרע איז איינענטליך אַ פערקירצטע פערגלייכונג. ווען צוויי זאַכען האָבּען עפּעס אַנ'עהנליכקייט צווישען זיך, קאָן מען איבּערטראָגען די איינענשאַפטען פון איינער פון זיי אויף דער צווייטער.

איבּערהויפּט ווערען איבּערגעטראָגען די פּעולות און איינענשאַפטען פון לעבּענדיגע בּעשעפעניסען אויף טוידטע זאַכען, למשל:

הויך האָבּען זיך אויפגעהויבּען די וואָלקענס,
דער פייל פונ'ם בּויגען איז געפלויגען גאַנץ וועט.

אין די צוויי בּיישפּיעלען זענען איבּערגעטראָגען די איינענשאַפטען פונ'ם פויגעל אויף די וואָלקענס און אויף די פייל.

§ 27. פּערזאָניפיקאַציע.

פּערזאָניפיקאַציע הייסט דאָס איבּערטראָגען די איינענשאַפטען פון מענשען אויף חיות אָדער נישט־לעבּעדיגע זאַכען. למשל: די ווענד האָבּען געציטערט

אין דעם ליעד, וואָס מיר בּרענגען דאָ, ווערט פּערזאָניפיצירט דער ווינד:

מיט התלהבות זינגט דער ווינד
און צעקאָכט איז ער און גאַנצען,
שוואַכע בּלעטלעך פון דער ערד
דרעהען זיך און טאַנצען.

אין נאָך העכער גרייפט דער ווינד,
גרייפט דעם ווילדע זינגען —
שוואכע בלעטלעך פון דער ערד
דרעהען זיך און שפרינגען.

אָה, דו בייזער, בייזער ווינד!
נאר דו זוכסט דיר פערגעניגען!
האסט זיי אבגעפליקט פון בוים,
לאָז זיי איצט שוין רוהיג ליגען!...
(א. רייזען).

שטארק פערזאָניפיצירט ווערט די נאטור ביי מענדעלי מו״ס. אט ברענגען מיר דא א מוסטער, וואָס ווייזט, ווי דער דאָזיגער פאָעט איז אימשטאנד צו בעלעבען די גאנצע נאטור און פאָרצושטעלען זי ווי לעבענדיגע בעשעפענישען מיט אייגענעם ווילען און פערשטאנד:

א פריהמאָרגען אין וואלד.

א פריש, געשמאק ווינטעלע האָט פאמעלעך געבלאָזען, און פון די וואָלקענס, פון דעם שטורמווינד איז נישט געווען אפילו קיין זכר. דער אבגעטובל׳טער, אויס־געצוואָגענער וואלד איז געשטאנען, ווי א חתן־בחור אנגעטהון אין א נייער, גרינער זשופיצע, ערשט פון דער נאָדעל, געשיינט און געלויכטען, ווי דער ליכטיגער מאָרגענשטערען, וואָס האָט ערשט טאקי געבראכט די פרעהליכע בשורה, אז אָט אָט באלד קומט צו פאָהרען די זון, די טייערע, גילדינע מחותנת׳טע, און די חתונה וועט זיך אָנהויבען. אלסדינג האָט געלויכטען, געפינקעלט, אלסדינג האָט ווי עפעס זיך מכין געווען, אלסדינג האָט אויסגעזעהן ווי יום־טוב׳דיג, און אומעטום האָט געשמעקט, געווירצט זיסע, ליעבע ריחות פון בשמים. שוין איז דער אנברוך אויף טאָג וועסטע־צייט אין דעם וואלד. שוין, זעהר שוין! דער בערימטער כלי־זמר, דער סאָלאָוויי, האָט אנגעשטעלט זיין פידעל, אבצושפילען א שטיקעל, א פיינעם „דאָברי־דזיען״.

ער האָט א שפיעל געטהון, און זיין שפיעלען האָט מיך צונומען! זיין

> ניגונ׳דיל האָט אין מיין האַרצען אויפֿגעריהרט טויזענד סטרונעס, זיי האָבען געוויינט, געשריען און אַרויסגעגעבען זעהר אַ טרויעריגען ניגון. מיינע געדאַנקען האָבען אַלע געטאַנצט אין אַ ראָד אַ שרעקליך פֿערמישטען טאַנץ!
>
> (מענדעלי מוכר ספֿרים).

אין דעם דאָזיגען שטיק ווערט פֿאָרגעשטעלט דער וואַלד, ווי אַ חתן, וואָס האָט זיך אָבגע׳טובל׳ט און אָבגעצוואָגען, דער מאָרגענשטערן ווי אַ שליח, וואָס קומט אָנ־זאָגען, דאָס די זון, וועלכע איז גאָר אַ מחותנת׳טע, קומט באַלד צו פֿאָהרען, אַלעס, וואָס אַרום קומט פֿאָר, דאָס זענען הכנות צו אַ חתונה, און דער סאָלאָוויי איז אַ כלי־זמר, וואָס שפּיעלט אַ „דאָברי־דזיען”. די סטרונעס וויינען, פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען קליינע קינדער, און די געדאַנקען טאַנצען, ווי מעדלעך אויף אַ חתונה!...

§ 28. אַלעגאָריע

ווען די איינענשאַפֿטען און פּעולות פֿון איין זאַך ווערען איבערגעטראָגען אויף אַ צווייטע נישט נאָר אין איין וואָרט אָדער איין זאַץ, נאָר אין אַ גאַנצער ערצעהלונג, הייסט אַזאַ איבערטראָגונג אַלעגאָריע (אַנדערש געזאָגט). שרייבער בענוצען זיך מיט דער פֿאָרם פֿון אַלעגאָריע זעהר אָפֿט, ווען זיי ווילען שילדערן די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען פֿון די פֿעלקער איינס צו׳ם אַנדערען, אָדער די מַעֲלוֹת און חֶסְרוֹנוֹת פֿון געוויסע קלאַסען מענשען. אַלעגאָריעס געפֿינען מיר זעהר אָפֿט אין דער תלמודישער ליטעראַטור, ווי למשל, גאָט ווערט פֿאָרגע־שטעלט ווי אַ חתן, די כְּנֶסֶת־ישראל ווי אַ כלה, און מַתַּן־תורה ווי אַ חתונה. אַ שענע אַלעגאָרישע ערצעהלונג איז שלום עליכם׳ס „פּעטער פּיניע און מימע ריזע”.

אַנדערע ביישפּיעלען פֿון אַלעגאָריע זענען דאָס ליעד „פֿאַסטוכער” אין גאָלדפֿאַדען׳ס „בר־כוכבא” און פֿיעל בעזונדערע ערצעהלונגען אין „די קליאַטשע” פֿון מענדעלי מו״ס. איינע פֿון זיי ברענגען מיר דאָ:

דער פּרינץ און די קליאַטשע.

אין יענער צייט איז אַ מאָל געווען אַ פּרינץ, אַ בן־מלך, זעהר אַ פֿיינער, אַ קלוגער, אַ געראָטענער מיט אַלע מַעֲלוֹת. נאָר אַנ׳אַנטיק, דער דאָזיגער בן־מלך האָט אין דער יוגענד געוואַנדערט, געמאַכט רייזען, בכדי צו דער־

קענען די וועלט. און אומעטום, וואוהין ער איז געקומען, האָט מיט איהם די וועלט געקלונגען. איין קעניג פון מצרים, דעם בעריהמטען לאַנד פון ציגייַנער און טאַשענשפּיעלער, איז שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף דעם דאָזיגען פּרינץ, וואָס איז געקומען צו איהם צו גאַסט. פאַר גרויס שרעק, דער פּרינץ זאָל שפּעטער מיט איהם זיך נישט אָברעכנען און אַרויסטרייַבען איהם פון זיין אייגען לאַנד, האָט ער פאַרבעטען צו זיך זיינע גרויסע כשוף־מאַכער און צו זיי אַזוי געזאָגט: הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ! דאָס טייַטש: לאָמיר, ברידער, צו דעם פּרינץ זיך קליגען און איהם אָבטהון עפּעס אויף טערקיש. די מכשפים האָבען מיט זייער כשוף פאַרשטעלט דעם פּרינץ אין אַ קליאַטשע, און מיט איהר נעבעך געאַרבייט עבודת־פּרך!

די קליאַטשע נעבעך פלעגט פיהרען ציגעל און לעהם גאַנצע בערג, און דערמיט אויסגעמויערט פּיתום מיט רעמסס. זעהר פיעל יאָהרען האָבען די ציגייַנער געפּייַניגט, איהר כּעראוכערט דאָס לעבען, ביז גאָט האָט אויף איהר זיך דערבאַרעמט. עס איז געקומען אַ גרויסער, אַ בעריהמטער מענש, אַ בעל־שם, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון אַלע ציגייַנער מיט זייער כשוף און גרעסערע קונצען פון זייערע בעווייזען מיט דעם היילינען „שם המפורש". ער האָט געזאָגט אַ שפּרוך, איז פון דער קליאַטשע ווידער אַ פּרינץ געוואָרען! כל זמן יענער גרויסער בעל־שם און זיינע וואונדערליכע תלמידים, וואָס נאָך איהם, האָבען געלעבט, האָט דער פּרינץ אַ פּנים געהאַט ווי אַ מענש, און געלע־ט אין עושר און כבוד ביי זיך אין לאַנד. נאָכדעם אָבער, אַז זיי אַלע זענען אויסגעשטאָרבען, האָבען שונאים דעם פּרינץ ווידער פאַרוואָרפען אין אַ קליאַטשע, און אין דער געשטאַלט טרייַבט מען איהם נעביך אַרום שוין אַ גוזמאָ יאָהרען פון איין אָרט צו'ם אַנדערען. דעם אונגליקליכען פאַסט טאַקי גאַנץ גלייַך דער נאָמען „די אייביגע קליאַטשע". אייביג שלעפּט זיך די קליאַטשע אַרום און געהט אוים וואו די וועלט האָט אַ נ'עק; ווער עס האָט גאָט אין הארצען, זעצט זיך אויף איהר רייַטענדיג; ווער אין גאָט גלויבט, ניט איהר אַ קלאַפּ, אַ זעץ; איטליכער לעגט אויף איהר אַ נידער זיין פּעקיל, זיין קלומעק. אייביג געהט זי אין יאָר, שלעפּט, שלעפּט נעביך ציגעל און לעהם מיט פיעל מיה, מיט בלוט און מיט שוויים, וואָס דערפון האָט מען שוין אויסגעבויט גאַנצע שטעדט! (מענדעלי מו"ס).

§ 29. פאַבעל.

אַ קורצע אַלעגאָרישע ערצעהלונג, אין וועלכער עס ווערען איבערגעטראָגען פעולות און אייגענשאַפטען פון מענשען אויף חיות אָדער נישט־לעבענדיגע זאַכען, הייסען פאַבעלן אָדער משלים. פאַבעלן האָבען אַ שטאַרקען כח צו ווירקען אויפ'ן לעזער אָדער צוהערער און ווערען פיעל בענוצט אין דער ליטעראַטור, הויפטזעכליך אין דער קינדער־ליטעראַטור.

איינינע פאַבעלן געפינען מיר אין דער ביבעל און זעהר פיעל אין תלמוד און אין מדרשים.

אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור ווערען גערעכענט אַלס די גרעסטע פאַבעל־דיכטער ז ש אַ ן ד ע ל אַ פ אָ נ ט ע ן — אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור (געלעבט 1621–1695) און א י וו אַ ן אַ נ ד ר ע י ע וו י ט ש ק ר י ל אָ וו — אין דער רוסישער ליטעראַטור, (געלעבט 1768–1844). די פאַבעלן פון לאַפאָנטען און קרילאָוו זענען איבערזעצט אין אַלע שפראַכען. קרילאָוו איז איבערזעצט אויך אין יידישען דורך ה. רייכערסאָן, די איבערזעצונג איז אָבער ליידער זעהר נישט געלונגען.

דער קעניג פון די בוימער.

די בוימער האָבען געוואָלט זאַלבען איבער זיך אַ קעניג. זיי האָבען זיך געווענדעט צו'ם אייל־בוים:

— קום, הערש איבער אונז!

— זאָל איך פערלאָזען מיין פעטען בוימאייל, וועלכער בעפרייעדיגט נאָט און לייט, און זאָל מיך געהן בעשעפטיגען מיט די בוימער? — האָט געענטפערט דער אייל־בוים.

דאַן האָבען זיך די בוימער געווענדעט צו'ם פייגענבוים:

— געה דו און געוועלטיג איבער אונז!

— צו וואָס זאָל איך דען פערלאָזען מיינע זיסע און גוטע פרוכט און געהן האָבען צו טהון מיט די בוימער? — ענטפערט דער פייגענבוים.

האָבען די בוימער זיך געווענדעט צו'ם ווייַנשטאָק:

— געה דו רעגירען איבער אונז!

– ניין, זאָגט דער ווייַנשטאָק – קען איך דען פֿערלאָזען מיין וויין, וועלכער ערפֿרעהט גאָט און לייט, און געהן האָבען צו טהון מיט די בוימער? דאַן האָבען זיך די בוימער געווענדעט מיט זייער ביטע צו'ם דאָרען:

– געה דו און געוועלטיג איבער אונז!

– ווילט איהר ווירקליך מיך זאַלבען פֿאַר אַ קעניג – האָט געענט־פֿערט דער דאָרען – איז גוט! קומט, וועל איך אייַך אַלעמען בעשיצען מיט מיין שאָטען... ווען ניט אָבער, וועט אַרויס אַ פֿייַער פֿון דאָרן און וועט פֿערברענען אַלע בוימער פֿון וואַלד!...

(שופטים ט, ח–טו)

דער פֿוקס און די פֿיש.

אַ פֿוקס איז געגאַנגען בייַם ברעג טייַך און האָט געזעהן, ווי פֿיש שווימען אום אייַלענדיג פֿון איין אָרט צו'ם צווייטען.

– פֿאַרוואָס לויפֿט איהר אום אַזוי? – האָט זיי דער פֿוקס געפֿרעגט.

– צוליעב די נעצען, וואָס די מענשען פֿערשפּרייטען שטענדיג אין טייַך, כדי צו פֿאַנגען אונז.

– אֶפשר ווילט איהר, קומט גאָר אַרויס אויף דער יַבָּשָׁה, וועלען מיר לעבען בשלום, אַזוי ווי אונזערע בזידענס עלטערען האָבען אַמאָל געלעבט...

– דו זאָלסט רעדען אַזעלכע נאַרישקייטען? דיך האַלט מען דאָך פֿאַר'ן קלוגסטען צווישען אַלע חַיוֹת, און דו פֿערשטעהסט ניש, אַז אויב מיר האָבען שטענדיג מורא פֿאַר אַסכּנה דאָ אין וואַסער, וואָס איז אונזער חיות, ווי דאַרפֿען מיר שוין מורא האָבען אויף דער יבשה?

(ברכות סא).

דער פּויער און די שלאַנג.

אַ שלאַנג איז צו אַ פּויער אַרייַן
און זאָגט: „זאָל שוין בייַ אונז שלום זייַן,
אַצונד דאַרפֿסטו זיך שוין פֿאַר מיר ניט היטען,
איך בין שוין גאָר געוואָרען ווי אומגעביטען,

גאָר ווי נײַ געבאָרען,
און מיט אַ נײַער הויט בין איך בעדעקט געוואָרען".
– אַח, – זאָגט דער פֿויער חאַפּענדיג אַ האַק –
מײַן ניט, דאָס איך בין אַ דוראַק!
דאָס דײַן פֿעל איז נײַ, ביזטו אָפּשר געריכֿט,
אָבער דײַן האַרץ איז ווי אַלע מאָל פֿערבליבען שלעכֿט".
און אַיידער ער האָט דאָס געענדיגט זאָגען,
האָט ער די שלאַנג צו'ם טוידט געשלאָגען.
(קרילאָו און ה. רײַכֿערסאָנס איבערזעצונג).

§ 30. היפּערבעל אָדער גוזמאָ.

צושרײַבען צו אַ זאַך אַ פּעולה אָדער אַן'אײַגענשאַפֿט אין אַ אוננאַטירלי־כֿער אָדער איבערטריבענער מאָס הײַסט היפּערבעל אָדער גוזמאָ, ד. ה. איבער־געחאַפּט די מאָס. מיט גוזמאות זענען זעהר רײַך די פֿאָלקס־שפּראַך און די פֿאָלקס־לידער. מיט אַ היפּערבעל בענוצט זיך אָפֿט דער שרײַבער אָדער דער רעדנער, כּדי צו פֿערשטאַרקען דעם אײַנדרוק אויפֿ'ן לעזער אָדער צוהערער. למשל: פֿון וואַרשע קײַן ווילנאָ מיט דער באַהן איז אַ קאַצענשפּרונג. מיט דעם דריקט מען אויס, ווי געשווינד מען קומט ערשט פֿון וואַרשע קײַן ווילנאָ.

אַנדערע בײַשפּיעלען:

עס האָט געגאָסען מיט עמערס.

דאָס שטעדטיל איז גרויס ווי טל ומטר אין אַ קלײַן סידור'ל.

אין קעניגרײַך פּוילין, האַרט בײַ דער גרענעץ
ליעגט זיך אַ שטעדטעלע גרויס ווי אַ גענעץ. (פּרץ).

§ 31. מעטאָנימיע אָדער נאָמענספֿערטוישונג.

פֿיעל מאָל בענוצט מען אין שרײַבען אָדער רעדען אַ נאָמען פֿון אַן'אַנ־דער געגענשטאַנד אַנשטאָדט דעם ריכֿטיגען נאָמען, ווען בײַדע געגענשטאַנדען

האָבען עטוואָס אַ שייכות צווישען זיך. אַזאַ נאָמענפערטוישונג הייסט מעטאָנימיע. למשל:

בײַ די ייִדען זענען געווען ווענוג פּלאַטאָנ׳ס,
דערפאַר האָבען זיי געהאַט פּועל ישעיהו׳ס.

אונטער דאָס וואָרט פּלאַטאָנ׳ס פערשטעהט מען דאָ פילאָזאָפען (פּלאַטאָן איז געווען אַ גרויסער גריכישער פילאָזאָף). און אונטער ישעיהו׳ס פערשטעהט מען נביאים. דאָ איז אַלזאָ פערטוישט דער נאָמען פון כלל אויף אַ נאָמען פון אַ פּרט.

מען קאָן אויך פערטוישען:

1) דעם נאָמען פון דעם, וואָס געפינט זיך אין אַ זאַך, מיט דעם נאָמען פון דער זאַך גופא; למשל:

די גאַנצע שטאָדט איז אַרויסגעלאָפען,
צו זעהן דאָס גרויס וואונדער.

אָנשטאָט:

אַלע מענשען, וואָס געפינען זיך אין שטאָדט, זענען אַרויסגעלאָפען
צו זעהן דאָס גרויס וואונדער.

2) בענוצען אַ טייל אָנשטאָט אַ גאַנצעס. למשל:

דער טערק פיהרט מלחמה מיט דעם יון.

3) דעם נאָמען פונ׳ם פערפאַסער אָנשטאָט זיין ווערק:

מיין ברודער קאָן ביאַליק׳ן פון אויסענווייניג. (אָנשטאָט ביאַליק׳ס שירים).

§ 32. די צווייטע קלאַס פון פיגורען.

צו דער צווייטער קלאַס פון פיגורען געהערען: 1) אַנטיטעז אָדער נעגענזאַץ, 2) איראָניע, 3) גראַדאַציאָן, אָדער שטייגערונג, 4) אַפּאָסטראָף, אָדער ווענדונג, 5) רעטאָרישע פראַגע, 6) דער אויסגעשריי, און 7) דאָס איבער׳חזר׳ן.

§ 33. אַנטיטעז אָדער געגענזאַץ.

כדי צו פאָרשטעלען בעסער די זאַך, שטעלט אָפט דער שרייבער פאָר צוזאַמען מיט דער זאַך, וואָס ער וויל שילדערן, נאָך אַ זאַך ממש דער געגענזאַץ פון דער ערשטער; דאָס הייסט: אַנטיטעז.

אַ פֿײַנער אַנטיטעז זענען די דאָזיגע שורות פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד:

ווִי לאַנג צורִיק פֿלעגען הוּשען דִי בִּיענען?
ווִי לאַנג פֿלעגט פֿוּן דער ווײַסער בּראָזע רִינען
דאָס זִיסע זאַפֿט, און אויף דעם בּוּיט זִיך ווִיגען
דער גרִינער זאַנג? ווִי לאַנג צורִיק פֿלעגט זִיגען
דער לִיעבּער גאָט? און דער שמעטערלִינג לִיגען
אִין דער שוים פֿוּן דער פֿיאָלעטע און געניסען
אִיהר פֿרִישען נעקטאַר און אִיהר דוּפֿט דעם זִיסען?
ווִי לאַנג צורִיק פֿלעגט פֿוּן דִי בּערגער פֿלִיסען
דער קלאָרער שטראָם? ווִי לאַנג צורִיק פֿלעגט גרִיסען
דִי גײַע זון דער פֿרײַער וועלט? אַצִינדער
אִיז דִי נאַטור פֿערטרויערט. אִיהרע קִינדער,
זִיי לִיעגען טוידט פֿאַר אִיהרע טרִיבּע אויגען.
מִיט אַ תּכריכים־ווײַסען שנעע בּעצויגען,
נִיטאָ קײן גראָז, קײן בּלום, קײן בּלאַט קײן גרִינע,
און דער קאָסאָקער הִימעל מִיט אַ שׂנאָה,
קוּקט אָן דִי טויטע וועלט, ווִי ער וואָלט זאָגען:
„איך האָבּ קײן טרעהרען נישט אויף דִיר צוּ קלאָגען”.

דאָ האָט דער פּאָעט פֿערבּרויכט אַ הִיבּשע צאָהל פֿון שורות, וועלכע שטעלען פֿאָר דעם פֿרִיהלִינג, דעם הֶפֶך פֿון ווִינטער, כּדי דאָס בִּילד פֿוּן ווִינטער זאָל אונז פֿאָרגעשטעלט ווערען דײַטלִיכער און שאַרפֿער.

§ 34. אִיראָניע.

אום אָבצולאַכען פֿוּן עפּעס אַ זאַך, בּענוּצט מען זִיך אָפֿט סײַ אִין רעדען, סײַ אִין שרײַבּען, מִיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען אִין גאַנצען אַנדערש פֿון דִי, וועלכע מען מײנט בּאמת צו זאָגען, למשל: „קום נאָר אַהער, דו גרויסער חָכָם!” (צו אײנעם, וואָס אִיז בּעקאַנט פֿאַר אַ שוטה). „בּײדע שותּפֿים זענען גרויסע גבִירִים!” (ווענען צוויי אָרימע לײַט). אַזאַ פֿאָרם הײסט אִיראָניע.

דִי אײגענשאַפֿט פֿון דער אִיראָניע אִיז פֿאָרצושטעלען קלײנע, נִישט ווִיכטִיגע זאַכען, ווִי גרויסע, מערקווירדִיגע און פֿיעל בּעדײַטענדע. אַזוי שטעלט

מענדעלי מו"ס פֿאַר די פּוסטע, אומנוצליכע שמועסען און וכּוחים פֿון די טונע־יאַדראָוקער בעלי־בתּים!

דאָרט ראַזבּיראַיען זיי פֿערשיעדענע וויכטיגע וועלטס־פֿראַגען כּסדר אַ בעזונדער קאָמיטעט פֿון שענע בעטאָגטע יידען, וואָס זיצען שטענדיג אַ גאַנצען טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מפקיר ווייב און קינדער און ניבען זיך מיט די אַלע געשעפֿטען טאַקי אמת געטריי־אָב, טהון זייער זאַך בשלימות, גלאַט אַזוי לשם שמים, נישט צו נעהמען פֿאַר זייער מיה, פֿאַר זייער פּראַצע אַפֿילו אַ צובראָכענעם העלער. פֿון דעם דאָזיגען קאָמיטעט געהען אָפּט די ענינים אַוועק אין באָד אויף דער אויבערשטער באַנק און אין אַ פּאָלנער סאָבראַניע פֿון שטאָדט־בעלי־בתּים ווערען זיי דאָרט אויטווערדעט, והכּל שריר וקים, אַז דערנאָך זאָלען אַפֿילו קומען כּל מלכי מזרח און מערב זיך שטעלען מיט דעם קאָפּ אַראָב און די פֿים אַרויף, וועלען זיי גאָרנישט פּועל'ן. דער תּוגר איז שיעור איינמאָל נישט אומגליקליך געוואָרען אין אַזאַ סאָבראַניע אויף דער אויבערשטער באַנק. ווען עטליכע יוסטע בעלי־בתּים זאָלען נישט האַלטען מיט איהם בלאַט, ווער ווייסט, וואו ער וואָלט איצט אָנגעשפּאַרט; ראָטשילד נעבעך האָט שיער נישט דאָרט פֿערלוירען עפּעס אַ צעהן, פֿופֿצעהן מיליאָן, דערפֿאַר האָט איהם גאָט געהאָלפֿען אין אַ פּאָר וואָכען אַרום: דער עולם איז געווען, ווי מען זאָגט, בגילופֿין; אויף דער אויבערשטער באַנק איז גראָד געווען אַ ביסעל לעבלעך, די בעזעמלעך האָבען זיך געהויבען, און מען האָט איהם מיט אַמאָל צוגעלאָזען רייַן פֿערדיענסט אַ קעגען אַ ק"ן מיליאָן קערבלעך! (מענדעלי מו"ס).

§ 35. גראַדאַציאָן אָדער שטייגערונג.

דער איבערגאַנג פֿון לייכטערע בעגריפֿען צו שווערערע, פֿון קלענערע צו גרעסערע, הייסט גראַדאַציאָן אָדער שטייגערונג. אויף אַזאַ אופֿן גרייט צו דער פֿערפֿאַסער דעם לעזער צו דעם גרויסען אומגעהויערען בעגריף אָדער בילד, וואָס ער וויל איהם אויסדריקען אָדער פֿאָרשטעלען, למשל:

פֿערגעסען דעם באָס *), דעם פֿערביסענעם מרוק,
זיין פֿינסטערע מינע, זיין שרעקליכען קוק,

*) אויפֿזעהער אין פֿאַבריק (ענגליש).

פערגעסען די שאַפּ *) און דעם פּאָרמאַנ׳ס געשריי, —
פערגעסען די קנעכטשאַפט, פערגעסען דעם וועה.
(מאָריס ראָזענפעלד).

אָנשטאָט איבערצוגעבען אויף איינמאָל דעם געדאַנקען, וואָס אינטערעסירט דעם פּאָעט — (פערגעסען די קנעכטשאַפט און בעפרייען זיך פון איהר), מאָלט ער אונז פריהער די וויטיגע שלעכטע זאַכען, וואָס זענען צוזאַמענגעבונדען מיט דער קנעכטשאַפט, איבערגעהענדיג פון קלייניגקייטען אַלע מאָל צו מעהר וויכטיגע און דריקענדע צוגעהעריגע צרות, וואָס שטאַמען פון דער הויפּט־סבה, — דער קאַפּיטאַליסטישער קנעכטשאַפט, ביז צו דער דאָזיגער קנעכטשאַפט גופא.

§ 36. אַפּאָסטראָף אָדער ווענדונג.

אונטער דעם איינדרוק פון שטאַרקען געפיהל, וואָס נעהמט דורך דעם שרייבער אָדער רעדנער, ווענדעט ער זיך אַמאָל מיט אַנ׳אויפרוף צו גאָט, מלאָכים און אַנדערע גייסטער, צו מענשען, וואָס געפינען זיך נישט נעבען איהם, אָדער זאָגאַר צו בהמות און טוידטע זאַכען, ווי זיי וואָלטען זיין פערשטענדיגע בעשעפענישען.

אַזאַ פיגור הייסט: אַפּאָסטראָף און ווערט זעהר אָפט בענוצט אַפילו אין געוועהנליכען רעדען, למשל: „רבונו של עולם! ווי טראָג איך עס איבער?"

אַך, גרויסער גאָט!
ווי לאַנג איז די מאָס פונ׳ם דאָזיגען צעטעל!
(ד. פרישמאַן).

איינינע גרעסערע ביישפּיעלע אויף אַפּאָסטראָפען:

א) אָ ה, פ ר ע כ ט י ג ע ג ל י ע ד ע ר!
אָ ה, ל י ע ב ע ס ג ע ש ט אַ ל ט!
אומזיסט איז מיין האָפען,
מיין האַרץ איז פערגאַלט.
איך זעה איהר נישט ווידער, —
ווייַנט, מ יַ י נ ע ל י ע ד ע ר!

ב) זאָגט מיר, א י ה ר ש ע פ ע ל אַ ך!
הערצענס פערטרויטעסטע,

---

*) פאַבריק.

קאָן מיר דער הימעל נאָך
העלפערעס געבען?
זאָגט מיר, איהר בערגעלאך,
גרינע און שעניגקע,
ליעבינקע פויגעלאך!
רעדט פון דער לופטען!
קאָן איך מיין הארציגען
אויסבייטען? — ענטפערט מיר!
איהם, מיין איין איינציגען,
גינגאָלד געפרובטען?

(מאָרים ראָזענפעלד).

ג) מאוס איז די ערד, מיין פריינד!
און פערדעקט מיט ראָסט;
וואקסט אמאָל א בלומעל אויס, —
טוידט עס אָב דער פראָסט.

טרויריג איז די ערד, מיין פריינד,
ווי און הערבסט דער וואלד;
פליהט א מאל א פויגעל דורך,
שיעסט דער יעגער באלד...

(א. רייזען).

§ 37. רעטאָרישע פראגע.

כדי צו מאכען א גרעסערען איינדרוק, ווענדעט זיך אמאָל דער פאָעט מיט א פראגע גלאט אין דער וועלט אריין, חאָטש ער ווייס, אז קיינער וועט איהם דארויף נישט געבען קיין ענטפער. דערמיט דערגרייכט ער אָבער דאָס, אז דער לעזער ווערט מעהר פעראינטערעסירט און צוגעבונדען צום בילד, וואָס דער פאָעט וויל איהם פאָרשטעלען. למשל:

א) וואָס איז דאָס געוואָרען? וואָס זעה איך און הער? —
די קליינינקע זילבערנע גלעקעלעך קלינגען!...

(ש. פרוג).

ב) אָה, ווער האָט אַזאַ קלינגען געהערט?
ווער האָט געזעהן אַזוי פליהען פיער פערד?

ג) וואָס רוישט מיר אין מח?
וואָס זעצט ווי'ן אַ מיהל? (י. ל. פרץ).

§ 38. דער אויסגעשריי.

נאָהנט צו דער רעטאָרישער פראַגע שטעהט אויך דער רעטאָרישער אויס־געשריי, ווען דער פאָעט פון פיעל בעגייסטערונג האַקט איבער דעם געוועהנ־ליכען גאַנג פון די ווערטער מיט אַן'אויסרוף פון פערוואונדערונג, למשל:

שיין איז דער אָנברוך אויף טאָג וועסנע צייט
און דעם וואַלד, שיין, זעהר שיין! (מענדעלי מו"ס).

עס קומען פערוויינטע
פּנים געגאַנגען.
עס קרעכצען ליים
פערצאָנטע געזאַנגען,
„דער דורשט און דער הונגער",
אַ, שרעקליכער כאָהר!
(מ. ראָזענפעלד).

§ 39. דאָס איבער'חזרן.

ווען דער געדאַנק פון פערפאַסער איז שטאַרק בעשעפטיגט מיט עפּעס אַ זאַך אָדער אַ בילד, קאָן ער דאָס אַרויסווייזען מיט דעם, וואָס ער חזרט עטליכע מאָל איבער איין וואָרט, אָדער אַ גאַנץ בילד:

און שרעקענדיג קוקט ער
און ווינקעל צו'ם בעט.
און שרעקעדיג קוקט ער,
דאָס האַרץ אַזוי צוהט, —
און שרעקענדיג דאַכט ער:
זיך לעגען, צי ניט?
(א. רייזען).

פיעל ביישפיעלען פון דער איבערחזורונגספיגור געפינען מיר אין דעם „יידישען מאי” פון מאָריס ראָזענפעלד. מיר ברענגען דאָ 2 סטראָפען פון דעם ליעד:

ווידער איז דער מאי געקומען,
מיט זיין צויבער מיט זיין פראכט, —
אַלע גראָזען, אַלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואַכט.
ווידער בליהט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.

דורך דאָס איבער'חזר'ן פון וואָרט „ווידער”, שטעלט אונז דער פּאָעט לעבענדיגער פאַר דאָס צוריקקומען פון פריהלינג און די ווידעראויפלעבונג פון דער נאַטור אין מאי; אין דער צווייטער סטראָפע ווערט פיעל מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט „פרעמד”, מיט וואָס ער בעוויזט דייטליכער און שטאַרקער, ווי ווייט דער ייד איז פון דער שענער נאַטור:

פרעמד די בלומען, פרעמד די בלעטער,
פרעמד די וועלט, אַ פרעמדער מאי!
פרעמדע פויגעל, פרעמדע געטער,
פרעמדע מענשען — אַלס פאַרביי!...
(מ. ראָזענפעלד).

אַנמערקונג: מיר האָבען דאָ אויסגערעכענט אַלע די פיגורען, וועלכע ווערען אַממייסטען בענוצט. עס פערשטעהט זיך אָבער, דאָס יעדען פּאָעט שטעהט פריי זיך צו בענוצען מיט וועלכע פיגורען ער וויל, ער מעג אויך איינפיהרען נייע פיגורען און רעדע־אַרטען, ווי עס דיקטירט איהם זיין פּאָעטיש געפיהל. אַ געוועהנליכער מענש דאַרף אָבער זעהן ווי ווייט מעגליך אויסצומיידען אַזעלכע פיגורען און שרייבען וואָס אַ פּאַכער, אָדער אַמוזעניגסטען נישט אַריבערהאַפען די מאָס.

§ 40. שפּראַך־האַרמאָניע און אַלגעמיינעס.

ווי אין דער גאַנצער נאַטור, אַזוי אויך אין דער קונסט מוז הערשען אַ געוויסע האַרמאָניע. די שפּראַך פון דער שענער ליטעראַטור מוז אויסער איהר

קלאָהרהייט און דייטליכקייט נאָך זיין האַרמאָניש צונויפגעשטעלט, אַזוי אַז דאָס אויער פונ׳ם הערער אָדער לעזער זאָל פיהלען אַנ׳אַנגענעהמען איינדרוק.

די האַרמאָניע ווערט געשטערט: 1) ווען איינציגע וואָקאַל־בוכשטאַבען (תּנוּעוֹת) קומען איינע נאָך די אַנדערע, למשל: אי אונזער, אי אייער; אי אַ עפּעל! 2) ווען איינע און די זעלבע אותיות מיטלויטער קומען איינע נאָך די אַנדערע: שטאַרק קרעכצט טרייגע; 3) ווען עס שטעהען צוזאַמען פיעל בוכשטאַבען ענהליכע אין געשפּרעך: אין גראָז קריכען גרינע גרילען.

§ 41. האַרמאָניע אין דער פּאָעזיע.

שטרענג מוז אָבגעהיט ווערען די האַרמאָניע אין דער פּאָעזיע. די שפּראַך אין דער פּאָעזיע קאָן זיין אפילו איינפאַך, אָבער מוז זיין אומבעדינגט פיין האַרמאָניש און שען־קלינגענד, אָדער ריטמיש, ד. ה. בעזונדער מוזיקאַליש און לויט אַ געוויסען טאַקט.

§ 42. דער ריטמוס.

יעדעס וואָרט בעשטעהט פון איין אָדער מעהר זילבען (הֲבָרוֹת) למשל: שטאַרק (איין זילבע), רעדען (צוויי זילבען: רע–דען), געפלויגען (דריי זילבען: גע–פלוי–גען) א. ז. וו. איינע פון די זילבען ווערט שטאַרקער אַרויסגערעדט, אָדער אַקצענטירט, למשל: רעדען, ווערט אַקצענטירט די ערשטע זילבע; געפלויגען – די צווייטע; געהענדיג – די ערשטע; אַ געלויפעריי – די לעצטע.

די אַקצענטירטע זילבע הייסט: די הויכטאָניגע, די רעשט – טאָנלאָזע.

ווערטער, וואָס האָבען פיעל זילבען קאָנען אויך צוויי מאָל אַקצענטירט ווערען, ד. ה. זיי קאָנען האָבען צוויי הויכטאָניגע זילבען. צו׳ם ביישפּיעל, מען קאָן אַרויסרעדען: געהענדיג, אַקצענטירענדיג די ערשטע און די לעצטע זילבע; דאַגעגען האָבען פיעל מאָל צוויי ווערטער נאָר איין הויכטאָניגע זילבע, למשל: קום־שוין, געה־נישט, א. ז. וו.

ריטמוס הייסט דאָס צוזאַמענשטעלונג פון דער שפּראַך אויף אַזאַ אופן, אַז די אַקצענטירטע און ניט-אַקצענטירטע זילבען קומען כסדר אין איין-און דער זעלבער אָרדנונג; די שפּראַך איז דאַמאָלט ריטמיש. למשל:

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדען! (א. רייזען).

איז די שפּראַך ריטמיש, ווייל נאָך יעדער הויכטאָניגע זילבע קומט אַ טאָנלאָזע. ווען מיר זאָלען אָבער שטעלען למשל אָנשטאָט דאָס וואָרט „בייזע“, דאָס וואָרט „שרעקליכע“, וואָלט די שפּראַך פערלאָרען איהר ריטמוס, דען צווישען די הויכטאָניגע און טאָנלאָזע זילבען וואָלטען מעהר קיין אָרדנונג נישט געווען.

די ריטמישע שפּראַך בעשטעהט פון שורות, וואָס יעדע פון זיי ווערט בעטראַכט בעזונדער, לויט איהר בוי, אַלס איין גאַנצעס, און הייסט פערז.

§ 43. דער פערז און דער פערזפוס.

יעדער פערז בעשטעהט פון אַ בעשטימטע צאָהל הויכטאָניגע און אַ בעשטימטע צאָהל טאָנלאָזע זילבען, אַזוי דאָס צו יעדער הויכטאָניגע זילבע געהערט איינע אָדער צוויי טאָנלאָזע.

יעדע הויכטאָניגע זילבע מיט איהר טאָנלאָזע בילדען אַ פערזפוס.

ביי דער הויכטאָניגער זילבע הויבט מען אויף דאָס קול, דעריבער הייסט דער טייל פון פערזפוס — הויבונג; ביי די טאָנלאָזע פאַלט דאָס קול, דעריבער הייסען די טיילען — זינקונג. וויפיעל הויבונגען עס איז דאָ אין פערז, אַזוי פיעל פערזפים איז דאָ אין איהם, למשל:

גוט מאָרגען, | רבותים! | דער כלי-זמר | איז דאָ!
אַט בין איך | און אָט איז | מיין פידעל...
נו, סטרונע | לעך, קינדער | לעך, לעבען | דיג פריש:
הערט אויס, כ'וועל | אייך זינגען | אַ ליעדעל,
(ש. פרוג).

אין די 4 פערזען, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, זענען די פערזפים פון דריי זילבען (אין ערשטען און אין דריטען פערז זענען די לעצטע פערזפים נאָר פון 2 זילבען). יעדער פון די דאָזיגע פערזפים האָט די הויבונג אויף דער צווייטער זילבע און די זינקונגען אויף דער ערשטער און דריטער. אין ערשטען און

אין דריטען פֿערז זענען דאָ צוּ פֿיער הויבונגען, אַלזאָ אויך צוּ פֿיער פֿערזפֿים; אין צווייטען און אין פֿירטען פֿערז — צו דריי הויבונגען אָדער דריי פֿערזפֿים.

§ 44. אָנגענומענע פֿערזפֿים אין יידישען.

אין יידישען ווערען בענוצט פֿינפֿערליי פֿערזפֿים:

1) דער טראָכייאוס, ער בעשטעהט פֿון 2 זילבען מיט דער הויבונג אויף דער ערשטער און זינקונג אויף דער צווייטער (טאַנצען, לויפֿען, שפרינגען).

2) דער יאַמבוס – צוויי זילבען מיט דער זינקונג אויף דער ערשטער און הויבונג אויף דער צווייטער (געזעהן, געמאַכט, געהערט).

3) דער דאַקטיל – 3 זילבען מיט דער הויבונג אויף דער ערשטער און זינקונגען אויף די צוויי לעצטע (מוראַדיג, הויגעזונד, אונזערע, שטיפֿעריש, אײַלענדיג).

4) דער אַמפֿיבראַכיום – דריי זילבען מיט דער הויבונג אויף דער צווייטער און זינקונגען אויף דער ערשטער און דריטער (געגאַנגען, געלאָפֿען, געשלאָגען).

5) דער אַנאַפּעסט – דריי זילבען מיט דער הויבונג אויף דער דריטער און זינקונגען אויף דער ערשטער און צווייטער (אָרימאַן, פּאַרטסיגאַר).

ביישפּיעלע:

1) טראָכייאוס.

אויף אַ | גרין בע | גראָזטע | ווזע,
ביי אַ | זילבער | קלאָרען | טײַכעל,
רונד בע | פוצט מיט | יונגע | פּאַלמען,
איבער | זיי די | גאָלדנע | זון —
זיצט דעם | מזרח׳ס | שענסטע | טאָכטער,
ביי דעם | קעניגס | רײַכסטע | סטאַדע;
זיצט שוין | למות, | די פּאַס | טושקע,
ביי די | שענע | ליעבע | שאָף.
(מאָריס ראָזענפֿעלד).

2) יאַמבוס.

מיין פאָלק, | איך האָב | דיין שווע | רען מזל,
איך וואַג | דער זעלבסט, | ווי דו, | אַרום,
איך לייד, | ווי דו, | פיעל לייד | און שאַנדע
און ווער | פערפינס | טערט, וואו | איך קום!
(א. רייזען).

3) דאַקטיל.

וואו איך זאָל | זוכען געהן | רוהע און | גליק,
אומער אין | ציון פער | בלאָנדזשעט מיין | בליק.
אומער אַ | הין נאָך דעם | הייליגען | לאַנד
צייגט מיר דעם | וועג אַ פער | באָרגענע | האַנד.
(מאָריס ראָזענפעלד).

4) אַמפיבראַכיום

רבונו | של עולם! | מיט האָפנונג | און פורכט,
געקניעט אין | דעם נאַקען | געבויגען,
טהוט שטעהען | דיין אָרע | מער עלענ | דער קנעכט
פאַר דיינע | לייטזעלי | גע אויגען. (ש. פרוג).

5) אַנאַפעסט

אוי ווי זים | וואָלט געווען | אונז אין טרוי | ער און שמערץ |
אויף דיין בו | סעם צו קני | ען, — דעם שווע | רען,
גרויסען יאָד | פונ׳עם קראַנ | קען, צובראָ | כענעם הערץ |
נויסצוגי | סען אין היי | ליגע טרעה | רען.
(ש. פרוג).

§ 45. צעזור.

אין יעדען פערז קאָן זיין עטליכע פערזפים. ווען די צאָהל פון די פערז־פים אין אַ פערז אין מעהר פון 4 קומט אין מיטען פערז אַ פויזע, וועלכע הייסט צעזור. (צעזור ווערט בעצייכענט מיט אַזאַ צייכען ||. למשל:

קום שוין, | קום, אה | נביא! || מיט דער | גאנצער | קראפט,
פון אונ | גליק און | פון לױע | בע || רופען מיר | צו דיר!
קיק ווי | שוואך מיר | זענען, || מיעד און | אבגע | שלאפט,
ווי שטארק | עס איז | דער פיינד || ווי אונ | בעהאל | פען מיר.
(פרץ).

§ 46. דער ריטמוס אין די פאלקס=ליעדער.

דער ריטמוס איז די אייגענשאפט פון אלע פאעטישע ווערק, וואס זענען געשריבען אין פערזען. אין דער הינזיכט קאן די שריפטליכע פאעזיע אין פערזען קיינע אויסנאהמען, נאר אין דער פאלקס=פאעזיע ווערט אפט דער ריטמוס נישט שטארק אבגעהיט, למשל:

זיסע וועלט, דו זיסע וועלט,
אויפ'ן פונדאמענט פון געלד ביזטו געשטעלט!
זיסער נאט, העלף מיר נאר ווידער
און קעהר מיך אום צו מיינע שוועסטער און ברידער!
(פון א פאלקס=ליעד).

§ 47. דער ריים אדער גראם.

אויסער דעם ריטמוס האבען די פערזען נאך אנ'אייגענשאפט, וועלכע איז אבער נישט נויטווענדיג, דאס איז דער ריים, אדער דער גראם, ד. ה. די פערזען ווערען אזוי צוזאמענגעשטעלט, דאס די ענדונגען זייערע זענען די זעלבע, למשל: פראכט – וואכט; פעלדער – וועלדער; קלינגענדיג – זינגענדיג. דערביי קען נאר איין לעצטע זילבע זיין די זעלבע, ווען דער הויכער טאן קומט אויף איהר; קומט דער הויכער טאן אויף די פארלעצטע זילבע – מוזען דאמאלס ביידע לעצטע זיין גלייך; קומט ער אויפ'ן דריטען פון סוף – זענען די 3 לעצטע זילבען גלייך. אין ערשטען פאל הייסט דער ריים – מענליך (זכר), אין צווייטען – ווייבליך (נקבה), און דריטען – דאקטיליש. למשל:

דאס ווינעלע ווינט זיך, דאס לעמפעלע ברענט... (מענליך).
די באבעניו זיצט איבער מיך אנגעבויגען; (ווייבליך).

איך זעה איהרע קליינינקע, דאַרינקע האַנד (מעגליך.)
איך קוק אין די אַלטינקע, דונקעלע אויגען. (וויבליך.)
(ש. פרוג).

אָ, איהר קליינע ליכטעלאַך! (דאַקטיליש.)
איהר דערצעהלט געשיכטעלאַך (דאַקטיליש.)
מעשה׳לאַך אָהן צאָהל, (מעגליך.)
איהר דערצעהלט פון בלוטינגקייט (דאַקטיליש.)
בריה׳שאַפט און מוטינגקייט, (דאַקטיליש.)
וואונדער פון אַמאָל. (מעגליך.)
(מאָרים ראָזענפעלד).

מיר ברענגען דאָ אַ ביישפיעל פון אונגערייםטע פערזען.

שטיל די וואָלקען און די לופטען,
פון אַ ווינטעלע קיין וויהען,
פון אַ בערגעלע קיין ווינקען,
פון דעם הימעל קיין געשטער. (מאָרים ראָזענפעלד).

§ 48. סטראָפען.

איינינע פערזען, וואס בילדען לויט זייער אויסבוי איין גאַנצעס, הייסען סטראָפען. די סטראָפען זענען פערשיעדען לויט די צאָהל פון זייערע פערזען און לויט דעם כאַראַקטער פון דעם ריטמוס (טראָכייאוס, יאַמבוס א. ז. וו.) און דעם ריים. די קלענסטע צאָהל פערזען אין אַ סטראָפע קאָן זיין 2, די גרעסטע — 14. אַן אַכטפערזינע סטראָפע הייסט אָקטאַווע.

ביישפיעלע:

צוויי־פערזינע סטראָפע.

פון שטאָהל און אייזען, קאַלט און האַרט און שטום
שמיעד־אוים אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענש, — און קום!
(ביאַליק).

פיערפערזיגע סטראָפע:

אָבער וועה איז אונז, וועה! אונזער נביא און העלד
העט נישט מעהר אונזער וויינען און קלאָגען,
האָט קיין איינציגעם טרייסט אונז געלאָזט אויף דער וועלט;
האָט אויף עביג זיין קבר פאַרבאָרגען!... (ש. פרוג).

פינפפערזיגע סטראָפע:

פאַלען אָדער טריאומפירען
זאָל דאָס אויסערוועהלטע לאַנד!
ווילט איהר אונזער גאָט פּרובירען,
אויב ער קען מלחמה פיהרען?
אויב עס דיענט איהם נאָך זיין האַנד? (מאָריס ראָזענפעלד).

זעקספערזיגע סטראָפע:

נאָר דער דייטש האָט מיטגעבראַכט
אַ בת־יחידה'לע אַ פּראַכט
גאָלדנע לאָקען ביז די פיס!
אויגען בלישצען ווי די שטערען
און אַ קול – אַ פרייד צו הערען!
און אַ שטימע – צוקער זיס! (י. ל. פּרץ).

אַכטפערזיגע סטראָפע (אָקטאַווע):

און גאָט זאָגט מיר: איצט געה אַראָב
צום טשעפערם הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טהו אַ וואָרף און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערען:
„אַזוי וועט איהר צוברעכען ווערען!"
און רעד ניט מעהר, ניט וויין ניט שריי,
ביז: איין דעם קאָפּ און ווער פערשטומט –
עס געהט דער טאָג, ער קומט, ער קומט!... (ח. נ. ביאַליק).

49. די פאָרמען פון א ליטעראַריש ווערק.

ביז איצט האָבען מיר גערעדט וועגען פערשיעדענע אופנים און אַרטען, אין וועלכע עס קאָנען אויסגעדריקט ווערען יעדער געדאַנקען, יעדעס בילד, יעדער בעגריף בעזונדער. אַ ליטעראַריש ווערק בעשטעהט פון אַ גאַנצע רייהע אַזעלכע בילדער, בעגריפען און געדאַנקען, וואָס ווערען אויסגעדריקט דורך ווערטער. יעדעס ליטעראַרישעס ווערק קאָן געשריבען ווערען אין איינער פון פיער פאָרמען: מאָנאָלאָגישער, דיאַלאָגישער, געמישטער פאָרם אָדער און אַ בריעף־פאָרם.

§ 50. מאָנאָלאָג.

I. מאָנאָלאָגיש הייסט די פאָרם פון דעם ווערק דאַן, ווען אַלץ אין איהם ווערט דערצעהלט אָדער געשילדערט פון איין פערזאָן, פון דעם פערפאַסער גופא אָדער פון דעם הויפט־העלד פונ'ם ווערק. אין מאָנאָלאָגישער פאָרם ווערען געשריבען אַלע וויסענשאַפטליכע ווערק, בעשרייבונגען א. ז. וו. אויך ווערען שענליטעראַרישע ווערק זעהר אָפט געשריבען אין פאָרם פון מאָנאָלאָגען, ווען דער פערפאַסער וויל דאַמיט איבערגעבען די געדאַנקען און רעדאַרטען פון זיין הויפט־העלד. אין מאָנאָלאָגישער פאָרם זענען געשריבען דער גרעסטער טייל ווערק פון מענדעלי מוכר ספרים. אַחוץ דעם זענען פיעל בעקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור די מאָנאָלאָגען פון שלום־עליכם, ווי „פונ'ם פריזיוו", „דאָס טעפעל", „גימנאַזיע" און פיעל אַנדערע. אָט איז אַ ביישפיעל פון אַ מאָנאָלאָג, וועלכער ווערט געהאַלטען פונ'ם הויפט־העלד פונ'ם ווערק.

דאָס קראַנקע יונגעל.

מאַמישי, איך וויל דיר אויסזאָגען אַ סוד: דער עיקר — דער טאַטע זאָל נישט וויסען!

פרעגסט פאַר וואָס? ווייל דער טאַטע האָט מיך ווייניגער ליעב...

ניין, מאַמישי, איך זינדיג מיט די רעד; ווייניגער ליעב האָט ער מיך נישט; ער האָט מיך נאָר אַ נ ד ע ר ש ליעב!

ער איז דאָך אַ טאַטע, איז ער שטרענגער...

דער טאַטע האָט אַ לאַנגע באָרד; דעם טאַטענס פנים איז נישט אַזוי צו'ם גלעטען, ווי דער מאַמעס אַטלעסען פנים... און אויגען האָט ער גאָר אַנדערע, גאָר אַנ'אַנדער בליק. דו, אַז דו קוקסט אויף מיר, האָסט דו עפּיס אַזוינע לאַבענדיגע, דערביי פייכטע — — האָסט דו עפּיס אַזוינע גוטע, און

דערבײַ האַרציג־רחמנות׳דיגע אויגען ... דו ביזט אַ מאַמע מיט אַ חבר צוזאַמען ... פאַר דיר קאָן איך קיין סוד נישט האָבען... מיט די אויגען שעפּסט דו מיר איהם פון האַרץ אַרויס ...

דער טאַטע קוקט גאָר אַנדערש, שטענדיג ערנסט, מכלומר׳ש קאַלט ...

ניין, מאַמישי, עס זענען גאָר אַנדערע, אַנדערע אויגען!

קינדווייז, מאַמישי, פלעג איך ווענינער פאַרכט האָבען פאַר׳ן טאַטען. איך געדענק, ווי איך פלעג איהם אַרויפשפרינגען אויף די קניען, צעשויבערן דעם גאַנצען קאָפּ, צובערשטען און פערפלעכטען די באָרד, איבערבייגען די ליפען, און אַז ער האָט געוואָלט אָבשטעלען אַ בעזערינען בליק, האָב איך איהם גאָר אַראָבגעדריקט די ברעמען און די אויגען פערמאַכט... היינט קאָן איך נישט...

איינמאָל, הערסט, מאַמישי, קראַנקערהייד, האָב איך מיך אַמאָל אויפגעכאַפּט, און איהר ביידע זענט געשטאַנען בײַ מיר בײַ׳ם בעט... דו האָסט אַזוי שטיל, אַזוי האַרציג־שטיל געוויינט... און דער טאַטע... מאַמישי! דעם טאַטענס פּנים איז אַזוי שרעקליך געוועזען... איך האָב געזעהן אַז ער איז בעז דעמאָלט אויף גאָט! פאַר שרעק האָב איך צוריק די אויגען פער־מאַכט — — —

פון דעמאָלט אָן קאָן איך נישט צוטרעטען צו׳ם טאַטען ווי אַמאָל... עפּיס האַלט מיך איין; אָפט וויל מיר דאָס האַרץ איהם אַ קעגען שפּרינגען, אַ קעגען לויפען, נאָר איך קאָן נישט!

מיינסט, איך האָב דעם טאַטען ווענינער ליעב... זאָל גאָט היטען... איך האָב דעם טאַטען זעהר ליעב, איך קריעג איהן מיט יעדען טאָג, מיט יעדער מינוט ליעבער... אַז ער געהט צו מיר צו, קלאַפּט מיר דאָס האַרץ פאַר פרייד; ציטערט אין מיר די נשמה פאַר האָפנונג: אָט וועט ער מיך אָננעהמען בײַ דער האַנד, אָט וועט ער מיך צודריקען צו׳ם האַרץ...

בײַ דיר ציטער איך נישט... דו האָסט מיך שטענדיג און גלייך ליעב... האָסט שטענדיג צו מיר צייט, דו האַלטז מיך און קושט מיך יעדע מינוט... דו ביסט שטענדיג, שטענדיג מיין... דער טאַטע האָט אַזוי פיעל געשעפטען...

איך ווייס, ער וויל איך זאָל זיין רייך!

(י. ל. פרץ).

§ 51. דיאַלאָג.

דיאַלאָג הייסט אַ געשפּרעך צווישען איינינע פּערזאָנען, וואָס יעדער פון זיי קוקט אויף די זאַך, וועגען וועלכע עס האַנדעלט זיך, פון זיין איינענעם שטאַנדפּונקט. אין דיאַלאָגישער פאָרם ווערען געשריבען אַלע דראַמאַטישע ווערק און אויך פיעל אַנדערע. מיר ברענגען דאָ אַ ביישפּיעל פון אַ דיאַלאָג:

מאיר. רעכענסט אפשר און גיכען טאַקי זיך דורכפאָהרען אַהינצו (אין ארץ־ישראל)?

חיים. פאַר וואָס ניט?

מאיר. און טאַקי אין אין וועגס דאָרט בלייבען זיצען?

חיים. מיט'ן גרעסטען כּבוד.

מאיר. וואָס רעכענסט דו אַ שטייגער דאָרט צו טהון כּדומה למשל?

חיים. דאָס וואָס אַלע קאָלאָניסטען! בעאַרבייטען די ערד, פלאַנצען בוימער, וויינגערטנער.

מאיר. קיין שענערע פּרנסה האָסטו דיר שוין גאָרנישט געקאָנט געפינען, אַ חוץ ערד גראָבען און בוימער פלאַנצען?

חיים. מיט וואָס איז ערד־אַרבייט מיאוס'ער, ווי זיין דעם פּריץ'ס אַ יוד? מיט וואָס איז קויפען און פאַרקויפען וואַלד אין גלות שענער, ווי פלאַנצען בוימער ביי זיך אין ־ערהיים, אין'ם אייגענעם לאַנד, צווישען אייגענע ברידער און שוועסטער?

מאיר. ווען זשע רעכענסט דו מאַכען די רייזע, אם ירצה השם, אין אַ גוטער שעה?

חיים. אַפילו היינטיגען טאָג... מען דאַרף פריהער דאָס פאָלק רוהרען, צוגרייטען אונזערע אָרעמע ברידער, די אַרבייטער.

מאיר. ביזט דו דאָס פון די דאָזיגע, וואָס רוהרען דאָס פאָלק? פון די דאָזיגע, וואָס גרייטען צו די אָרעמע ברידער?

חיים. ווער דען? איהר, וואָס זענט שטענדיג פאַרנומען נאָר מיט אייער געלד און נאָר מיט אייערע געשעפטען?...

מאיר. ביזט דו דאָס מחויב זיך אָננעהמען די קרייוודע פון אַלע אָרעמע לייט? ווי געפעלט עס דיר!

חיים. מחויב זענען מיר אַלע, וואָרום מיר אַלע זענען קינדער פון'ם אָרעמען יידישען פאָלק, וואָס ליידעט שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר זין

וואָס האָט עֶרשט נִ: שט לאַנג אויפֿגעֶוואַכֿט פֿונ׳ם שווערעֶן מוֹראָ דִינגעֶן שלאָף, עֶרשט נִישט לאַנג אויפֿגעֶעֶפֿעֶנט דִי אויגעֶן און דעֶרזעֶהן, וואו עֶר אִיז אִין דעֶר ווֶעלט.

(שלום עליכם).

§ 52. געֶמִישטעֶ פֿאָרם.

געֶמִישטעֶ פֿאָרם אִיז דִי, אִין וועֶלכֿעֶר מאָנאָלאָגִישעֶ און דיאַלאָגִישעֶ פֿאָרמעֶן קומעֶן צוזאַמעֶן. דִי געֶמִישטעֶ פֿאָרם אִיז דִי געֶוועֶהנלִיכֿסטעֶ, אִין וועֶלכֿעֶר שעֶנעֶ לִיטעֶראַרִישעֶ ווערק ווערעֶן אַממייִנסטעֶן געֶשרִיבעֶן. אָט אִיז אַ בײַשפּיעל פֿון אַ געֶמִישטעֶר פֿאָרם:

און נעֶהנטעֶר זעֶנעֶן זיי געֶוואָרעֶן אײנעֶר צו׳ם צווייטעֶן, וואָס אַמאָל, וואָס אַ מאָל מעֶהר, אַזוֹי, אַז אַלעֶ האָבעֶן זיי שוֹן בעֶטראַכֿט פֿאַר חתן כלה, וואָס מעֶן וועֶט אִין אַ לִיאַדעֶ טאָג תנאִים שרײַבעֶן.

אַזאַ נחת, אַזאַ גלִיק, אַזאַ שמחה האָט אִיהר טאָכֿטעֶר געֶטראָפֿעֶן, אַזאַ יונגעֶר מאַן, אַזאַ גאָלדעֶנעֶר יונגעֶר מאַן!

ר׳ יעקב אִיהר פֿאָטעֶר, אִיז שוֹין אַ יִיד אִין דִי יאָהרעֶן, אַ אויסגעֶהאָרעֶוועֶטעֶר דאָרפֿסגעֶהער, געֶהט קרום מִיט דעֶם זאַק אַלטוואַרג, וואָס אִיז שטעֶנדִיג אויף זײַנעֶ פּלײצעֶס.

אַ שטִיקעֶל שמחה, אַ שטִיקעֶל נחת דעֶרלעֶבט אִין זײַן לעֶבעֶן, געֶלויבט צו גאָט.

אַלעֶ פֿרעֶהעֶן זִיך, צומײסטעֶן פֿײגעֶלעֶ, דִי באַקעֶן זעֶנעֶן פֿרִישעֶר און רויטעֶר געֶוואָרעֶן, דִי אויגעֶן טונקלעֶר און פֿײַעֶרדִיגעֶר.

און אָט זִיצט זִי בײַ דעֶר מאַשִין און נעֶהט; און אִין דעֶר גאַנצעֶר שטוּב הִילעֶכֿט אִיהר קוֹל:

„און וואָס אִיך האָב געֶוואָלט האָב אִיך אויסגעֶפִֿיהרט.
„זאָל אִיך אַזוֹי לעֶבעֶן.
„אִיך האָב געֶוואָלט אַ שעֶנעֶם חתן,
„האָט מִיר גאָט געֶגעֶבעֶן".

און פֿײגעֶלעֶ זִינגט און נעֶהט, נעֶהט און זִינגט.

אויף דעֶר נאַכֿט קומט אֶלִיעֶזר.

— נוּ, וואָס מאַכֿסט דוּ?

— וואָס זאָל מעֶן מאַכֿעֶן?

— וואַרט, וועל איך דיר עפּעס ווייזען.

— וואָס אַזוינס?

און זי דערהויבט זיך פון איהר אָרט, גיעהט צו צו'ם קאַסטען, וואָס שטעהט ביי'ם ווינקעלע פון אויווען, נעהמט עפּעס אַרויס און בעהאַלט עס הינטער דעם פאַרטוך.

— וואָס האָסט דו דאָרט? זאָגט ער מיט אַ געלעכטערל.

— וואָס איילסט דו דיך אַזוי, זאָגט זי און זעצט זיך אַנידער נעבען איהם, נעהמט אַרויס פון הינטער דעם פאַרטוך אַ בילד אויסגעניייט מיט וולינשקע „אָדם און חוה”, און ווייזט איהם דאָס, זאָגענדיג:

— נו, זעהסט, דאָס האָט מיר אַ מעדיל, אַ חבר'טע געמאַכט פאַר מיר, פאַר אונז...

— און אונזער שטיבעל וועל איך דאָס אויפהענגען אויף דער וואַנד, פאַר די בעטען.

— פאַר מיין בעט, צי פאַר דיינס?

— וואַרט נאָר, אֶליעזר — וועסט זעהען, וועל איך דיר אויספּוצען אַ שטיבעל, אַ גן־עדן זאָג איך דיר, אַ פּשוט'עס, נאָר אַלץ וועט מוזען שפּיגלען, אַ מחיר וועט זיין דרינען אַריין צו געהן.

— און אַלע נאַכט נאָך דער אַרבייט וועלען מיר בּחדע זיצען, איינער נעבען אַנדערען, אָט ווי איצט — און ער נעהמט זי אַרום.

— און דו וועסט מיר פון אַלעם דערצעהלען — דערצעהלען פון אַלעם, זאָגט זי, אַרויפלעגענדיג איהר האַנד אויף זיין אַקסעל, און מיט די צווייטע איהם אָנגעמענדיג פאַר'ן גאָמבע, און קוקען איהם כיעף אין פנים אַריין.

און זיי איז אַזוי גוט, אַזוי פרעהליך אויפ'ן הערצען. (שלום אש).

§ 53. בריעף־פאָרם.

די בריעף־פאָרם איז אין דער ליטעראַטור די זעלטענסטע. פונדעסטוועגען געפינען מיר אויך אין דער יידישער ליטעראַטור עטליכע ווערק, וואָס זענען געשריבען אין דער פאָרם פון בריעף. איבערהויפּט זענען בעריהמט די בריעף פון שלום עליכם'ס „מנחם מענדיל”, די ערצעהלונג אין בריעף פון י. ל. פרץ „האשה מרת חנה”, און „בריעף וועגען ליטעראַטור” פון ד. פרישמאַן. די ערשטע חאַראַקטעריזירען דאָס לעבען און געדאַנקען פון אַ מיטעלען יידישען סוחר; די

צווייטע בעשרייבען דאָס לעבען פון אַ יידישע עגונה. די דריטע בעהאַנדלען לי־טעראַרישע און קונסטגעשיכטליכע פראַגען.

מנחם מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה שיינדל אין מאַזעפּעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה שיינדל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום, השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען אייגנע פון'ם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות אָמן. ו ה ש נ י ת זאַ וויסען, אַז דאָס געשעפט פון הייזער איז בלאָטע; פּע, ס'איז נאָר אַ טומעל, אַ לויפעניש, אַ פּוסברעכעניש. און געגוג. ערשטענס איז ניטאָ אַצינד אויף הייזער קיין קונים, און אַפילו אַז גאָט שיקט שוין יאָ אַמאָל צו דעם קונה, איז דער קונה קיין קונה ניט, היינו ער קאַכט אוים דאָס וואַסער; וואָס דו זאָלסט איהם ניט ווייזען פאַר אַ דירה געפעלט איהם ניט: די איז איהם צו נאָהנט און יענע איז צו ווייט; די איז איהם צו קליין און יענע איז איהם צו גרוים, און אַז גאָט העלפט ס'איז שוין דורך אַרום און ווי געוואונשען, דאָס הייסט, דו קריגסט איהם שוין אַ דירה, וואָס איז ניט גרוים און ניט קליין, ניט נאָהענט און ניט ווייט, הויבט זיך ערשט אָן אַ נייע סדרה — די מאַדאַם, וואָס וועט עפּעס די מאַדאַם זאָגען? „מאַדאַם" הייסט דאָ אין יעהופּעץ פּונקט דאָס אייגענע, וואָס אין מאַזעפּעווקע „ווייב", נאָר איך מיין, אַז אַ מאַדאַם איז אַ סך ערגער פון אַ ווייב, וואָרום אַ ווייב איז אַ ווייב, און אַ מאַדאַם איז אַ מאַ־דאַם, דאָס הייסט אַ גאַנצער „יאַ טאָבי דאַם". איך קאָן דאָס דיר ניט אַרוים־געבען אַקוראַט. אָט האָט גאָט מיר צוגעשיקט אַ קונה אויף אַ הייזעל, דוקא נישקישה פון אַ מענשעל, לאָקשענטעפּל הייסט ער; ער איז, זאָגט ער, דעם גרויסען לאָקשענטאָפּס אַנ'אייניקעל. מילאַ האָב איך מיך גוט אָנגעבראָכען די פיס, ביז איך האָב געפונען פון זיינעטוועגען אַ הייזעל אַנ'אַנטיק אין דער וועלט, אַזוי ווי איהם שטעהט אָן, און איך בין שוין געווען גאָר פאַרטיג מיט איהם אַרום און אַרום, שוין בעדונגען זיך מיט איהם פאַר'ן „קאַרטאַזש" און אויסגעגלייכט זיך מיט אַ פּאָר מעקלערס, וואָס האָבען געהאַט צו מיר אַ טענה; מאַכט ער צו מיר: „נו, אַצינד זייט זיך אַקאָרשט מטריח און געהט זיך דורך נאָך אַמאָל אָנקוקען אַלע הייזלעך מיט דער מאַדאַם", — ווער איז געווען, זאָג איך, די מאַדאַם? — „טאַקי מיין אייגענע מאַדאַם", מאַכט ער צו מיר און טהוט אַ געשריי: „מאַמעטשקע! געה זיך דורך, נשמה מיינע, מיט דעם האָזיגען מעקלער, וועט ער דיר ווייזען די הייזער, וואָס איך האָב אָנגעקוקט". איז אַרוים פון'ם אַנדערען חדר די מאַדאַם לאָקשענטעפּל, דוקא אַ הובשע נקבה, אויסגעשליערט ווי אַ מחותנת'טע, איינגעטונקען אין דימאַנ־טען און ברוליאַנטען, און מיר האָבען זיך געלאָזט געהן איבער די הייזער,

פֿון איין שטוב אין דער אַנדערער. וואוהין מיר קומען געפֿעלט איהר ניט: דאָ, זאָגט זי, בעדאַרף זיין זומער צו היים, און דאָרט וועט געוויס זיין ווינטער צו קיהל, דאָ שמעקט איהר ניט דער קעלער, און דאָרט איז איהר צו קליין די שטאַל... דאָ איז איהר נישטאָ וואו אויסצודרעהען זיך, און דאָרט איז איהר גלאַט ניט צו׳ם האַרצען. היינט עופֿות? וואו וועט זי האַלטען אַנ׳עוף? וואו וועט זי הענגען דאָס גרעט? וואו וועט מען שטעלען פּסח׳דיגען באָרשט? און אין מיטען דרינגען זאָגט זי גאָר, אַז עס דרעהט זיך איהר דער קאָפּ, ס׳איז איהר ניט גוט אויף צו הל״ש׳ען, זי וויל געהן אַהיים. האָט זי אָבגעשפּילט דעם מאַן אַ „וויוואַט“, איהם געמאַכט מיט דער בלאָטע, און ער, דער הערר לאָקשענטעפּל, איז געשטאַנען חאָטש מעלק איהם אויס, נישט איבערגעקעהרט די צונג אַפֿילו, און נאָר „מאַמעטשקע“ און „מאַמעטשקע“ — הקצור דאָס געשעפֿט איז צו נישט געוואָרען און איך האָב מיך בעצייטענס אַנעהם געטהון צו אַנדערע מסחרים, צו אימעניעס“ (גיטער). אימעניעס — דאָס איז גאָר אַנ׳אַנדער מין מסחר! ראשית בעדאַרף מען דער צו נישט רייסען קיין שטיוועל, מע שרייבט אַריין אַ בריוועל, מע שיקט אַוועק אַנ׳„אָפּיס“, יענער פֿאָהרט זיך דורך, קוקט אָן די ערד, און עס ווערט מיט גאָטס הילף אַ געשעפֿט. און והשנית האַנדעלט מען ניט מיט קיין זלידניס, מיט קיין לאָקשענטעפּלעך; מע האָט צו טהון מיט פּריצים, פּאָמעשטשיקעס, פֿירשטען, גראַפֿען: גראַף פּרזשעמבאָיסקי, גראַף גראָשענגאָלסקי, גראַף פּרזשעמפּיצקי. וועסט דו דאָך מיר פֿרעגען, ווי קום איך צו גראַפֿען? איז דרינגען אַ גאַנצע מעשה! אַזוי ווי דו ווייסט דאָך, אַז איך טאָר ניט זיין היע... און עס טרעפֿט זיך מע קומט אַמאָל ביינאַכט אויף דער אַכסניה בודק חמץ זיין, גיט אונז די בעל־הבית׳טע פֿריהער אַ ידיעה, בכדי מיר זאָלען זיך בעצייטענס צוגעהן ווי זאַלץ אין וואַסער, דער קיין בויבעריק, דער אויף דער דעמיעווקע און דער אויף דער סלאַבאָדקע... נאָר אַמאָל טרעפֿט זיך, אַז די בעל־הבית׳טע אַליין ווייסט אויך ניט, ווען עס וועט זיין די בהלה, איז דעמאָלט זעהר ניט גוט! יענע וואָך ליגען מיר אַזוי אַלע אורחים און שלאָפֿען, דערוויַיל האָרכען מיר מע קלאַפּט. שפּרינגט אַראָפּ די בעל־הבית׳טע אין איין ציטערניש און רופֿט זיך אָן צו אונז: „יהודים בלא קריכט און שטרוי!“ — איז געוואָרען אַ שפּרינגעריי מיט אַ בעהאַלטעריי: דער אין אַ שאַפֿע, דער אין קאַסטען, דער אין דייזשע באָרשט, דער אין קעלער, און איך — אויף מיין אַלט אָרט אויפ׳ן בוידעם — און באַלד נאָך מיר, נאָך איינער, אַ יידיל פֿון קאַמעניץ. לינגענדיג אַזוי אין געהאַקטע וואונדען אויפ׳ן בוידעם, הער איך ווי דאָס יידעל נעבעך קרעכצט. — וואָס קרעכצט איהר? פֿרעג איך איהם שטילערהייד. „אַז אָך און וועה איז צו מיר, זאָגט ער, מיינע פּאַפּירען, איך האָב מורא פֿאַר מיינע פּאַפּירען! — וואָס פֿאַר כאַפּירען? מאַך איך צו איהם. „זיי

ליגען דאָרט, זאָגט ער, בייַ מיר צוקאָפּענס, איך האָב מורא איך בלייַב
אָהן פּאַפּירען!" — וואָס זשע פֿאָרט, זאָג איך, פֿאַר פּאַפּירען! וואָס איהר
האָט אַזוי מורא? — „אוי, מאַכט ער, זעהר נייטיגע פּאַפּירען! טרעפֿען
אָן בלי גוזמא אפֿשר אַ האַלבען מיליאָן!" איך האָב דערהערט אַ האַלבען
מיליאָן, האָב איך מיך שטילערהייד צוגערוקט צו מייַן יידעל און פֿרעג איהם:—
ווי קומט צו אייַך אַזוי פֿיעל פּאַפּירען און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין פּאַפּי=
רען? ס'איז אימעניעס, מאַכט ער צו מיר, איך האָב אימעניעס אין וואָהלינער
גובערניע, גרויסע אימעניעס, מיט די בעסטע רעמאָנטען, פֿערד און אָקסען
און שאָף אָהן אַ שיעור, מיט וואַסערמיהלען מיט גוראַלנעס, מיט הויפֿען שאַר=
פֿע, אויסגעצייכענטע גערטנער מיט אַלדעם גוטס"! דערהערט אַזעלכע דבורים,
רוק איך מיך צו צו מייַן יידעל נאָך נעהנטער! — ווי קומט צו אייַך אַזוי
פֿיעל אימעניעס מיט אַזאַ גוט'ס? „די אימעניעס, מאַכט ער צו מיר, זענען
נישט אויף מייַן מיסט געוואַקסען געוואָרען, די אימעניעס זענען פּריצישע אי=
מעניעס, זיי געהערען, מאַכט ער, צו'ם גראַף פּרזשעמבאָיסקי, גראַף גראָשענ=
גאָלסקי, גראַף פּרזשעמפּיצקי, נאָר איך האָב זיי אויף דער האַנד, דאָס הייסט,
איך בין פֿון זיי דער פֿערקויפֿער, דערויף טאַקי בין איך געקומען אַהער צו
פֿאָהרען, געבראַכט מיט זיך אַלע פּאַפּירען, די אָפּיסען פֿון זיי, — ווי מיינט
איהר, איך וועל חלילה ניט האָבען קיין שאָדען"? — חס ושלום, זאָג איך,
ווער דאַרף דאָס פֿרעמדס? דער אויבערשטער וועט העלפֿען, מע זאָל חלילה
ניט פֿערקריכען, זאָג איך, אַהער צו אונז אויפֿ'ן בוידעם, און דערוויַיל
טהו איך איהם אַ טאַפּ פֿון יענער זייט: — נו, האָט איהר עפּעס געמאַכט היַיע
מיט אייַערע אימעניעס? „ניין", מאַכט ער. לעת עתה נאָך גאָר ניט, איך
האָב מורא פֿאַר די היגע מעקלערס, זיי זענען, זאָגט מען, גרויסע ליגנערס,
האָבען ניט אין זיך קיין וואָהר וואָרט! אפֿשר ווייסט איהר אַ מעקלער פֿון אי=
מעניעס, נאָר אַ רעכטער זאָל זיין, דער עיקר אַנ'ערליכער, ניט קיין ליג=
נער". — אָך, זאָג איך, מיט'ן גרעסטען כבוד! איך אַליין, זאָג איך, בין אַ
מעקלער פֿון אימעניעס, דאָס הייסט, זאָג איך, קיין אימעניעס האָב איך נאָך
אויף מייַן לעבען ניט אויסגעמעקלט, נאָר גאָרניט, זאָג איך, הלואי זאָל גאָט
צושיקען אַ קונה, איז קיין מלאָכה ניט צו מאַכען אַנ'אימעניע אויך. „איך זעה,
מאַכט ער צו מיר, אַז איך האָב צו טהון מיט אַנ'אמת'ן מענשען און מיט
אַנ'ערליכען מאַן, גיט זשע מיר די האַנד תקיעת כף, אַז צווישען אונז וועט
דאָס בלייַבען, וועל איך אייַך איבערגעבען אַלסדינג, וואו די אימעניעס לי=
גען און וואָס בייַ מיר געפֿינט זיך". הקצור מיר האָבען מיט גאָטס הילף גע=
מאַכט אַ געשעפֿט, דאָס הייסט מיר האָבען געשלאָסען שותּפֿות אויף אַלע גע=
שעפֿטען, ער לעגט אַריין אין שותּפֿות אַלע זיינע אימעניעס און איך לעג
אַריין מיינע קונים, נאָר מחמת איך בין פֿערנומען און האָב קיין צייַט נישט,

מאַך איך דאָס בקצור; אם ירצה השם אינ׳ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר שרייבען אַלסדינג באריכות; לעת עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד מיט הצלחה. גריס די קינדער און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם מענדל.

עיקר שכחתי. די בהלה וואָס ס׳איז געוועזען אויף דער אַלסניה איז אַנ׳אומזיסטיגע בהלה. דאָס האָט אַ יונגער אַ שכן על פי טעות געקלאַפּט צו אונז אין פענסטער, און מיר זענען זיך אומזיסט צעלאָפען. נאָר דאָ זעהט מען אַרויס, ווי אַזוי דער אויבערשטער פיהרט, אַזוי איז גוט. למשל ווען דער שכן זאָל ניט געווען קלאַפען אין פענסטער, וואָלט ניט געווען קיין בהלה, און איך וואָלט ניט געווען אויפ׳ן בוידעם, און וואָלט מיך ניט בעקענט מיט דעם קאַמענעצער ייד, און וואָלט ניט געוואוסט פון קיין אימעניעס און פון קיין גראַפען. עס פעהלט איצט נאָר איין שטיקעלע הצלחה!

(שלום עליכם, פון זיין ראָמאַן אין בריעף אונטערן טיטול „מיליאָנען״).

§ 54. דער אינהאַלט פון אַ ליטעראַרישען ווערק.

ביז יעצט האָבען מיר גערעדט נאָר פון דער אויסערער זייט פון ליטעראַרישע ווערק, פון דער שפּראַך, פון דער פאָרם א. ז. וו. יעצט ווע׳לען מיר בעטראַכטען די ליטעראַרישע ווערק לויט זייער אינהאַלט נאָך, ד. ה. לויט דעם וואָס אין זיי ווערט בעהאַנדעלט און ווי אַזוי, אויף וועלכע אופנים, עס ווערט בעהאַנדעלט.

אַזוי ווי שרייבען קאָן מען נאָר וועגען עפּעס, מוז דער שרייבער זיך פריהער גאַנץ קלאָר אָבגעבען אַ חשבון פון דעם עפּעס, וואָס ער וויל בעהאַנדלען אין זיין ווערק. די זאַך, וואָס דער פערפאַסער בעהאַנדעלט אין זיין ווערק, הייסט דאָס טעמאַ פון ווערק. די טעמען קאָנען זיין פערשיעדענע, ווי פערשיעדענאַרטיג עס זענען די פראַגען, וועלכע אינטערעסירען דעם מענשליכען מח. אַלס טעמאַ קאָן צו׳ם ביישפּיעל דיענען: „די ענטוויקלונג פון די אייזענבאַהנען אין נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט״, „דאָס לעבען און ווירקען פון דיזראַעלי״ אָדער גאָר „די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד״. האָט זיך דער שרייבער געוועהלט פאַר זיין ווערק עפּעס אַ טעמאַ, מוז ער עס ענטוויקלען דורך געדאַנקען און פאַקטען. וואָס מעהר די זאַך, וועגען וועלכע ער שרייבט איז איהם בעקאַנט, אַלץ קלאָרער און פיעלזייטיגער זענען אויך די געדאַנקען דעריבער, און גרעסער די צאָהל פון די פאַקטען, וואָס ער קאָן דעריבער ברענגען. די געדאַנקען און פאַקטען, וועלכע

ווערען געבראכט און ענטוויקעלט אין א ווערק, בילדען זיין אינהאלט אין אײַ־נגענטליכען זינען פון דעם ווארט.

די געדאנקען אבער, אפילו ווען זיי זענען גאנץ לאגיש און ריכטיג, קאַ־נען נישט אויסגעדריקט ווערען אהן אנ׳ארדנונג, ווי עס קומט ארויף אויפ׳ן זינען. דער שרייבער מוז זיך קודם כל קלאר מאכען, וואס דארף ער פריהער אויסצודריקען, צו ערקלערען, צו בעגרינדען, און וואס שפעטער. מיט איין ווארט, ער מוז זיך פריהער — אין קאפ אדער אויפ׳ן פאפיער — צוזאמענשטעלען א פלאן. נאך אלעם, ווען דאס טעמא איז שוין בעקלערט, די געדאנקען און פאקטען געזאמעלט לויט א געוויסען פלאן, טרעט ערשט דער שרייבער צו צו׳ם אויסארבייטען דאס ווערק.

§ 55. פיער הויפטעלעמענטען אין דער ליטעראטור.

לויט דעם אינהאלט בעשטעהען די ליטעראַרישע ווערק פון 4 הויפטעלע־מענטען: 1) בעשרייבונג, 2) ערצעהלונג, 3) בעטראכטונג, און 4) לירישעס עלעמענט.

§ 56. בעשרייבונג.

אלעס, וואס אויף דער וועלט עקזיסטירט, אדער וואס די מענשליכע פאנטאזיע שטעלט זיך פאר, קאן מיט ווערטער בעשריבען אדער געשילדערט ווערען אין א געוויסען צייט־מאמענט. מען קאן בעשרייבען א רעגעלע זאך פון דער נאטור, למשל א וואלד, א בוים, א מאלפע; אנ׳ערשיינונג, למשל א רעגען אדער א זונאויפגאנג; פאקטען פון מענשליכען לעבען, למשל, א מלחמה, א חתונה, א לויה; מענשליכע פיזיאגנאמיען און זייער גייסטעס־צושטאנד; קונסט־זאכען, ווי הייזער, פאלאצען, בילדער און סטאטועז. מען קאן אויך בעשרייבען דאס, וואס אויף דער וועלט עקזיסטירט נישט אין דער ווירקליכקייט, נאר די רייכע מענש־ליכע פאנטאזיע קלערט עס אויס. אזוי זענען דא בעשרייבונגען פון גן־עדן התחתון, פון אשמדאי, פון גיהנום, פערשידענע נאכטסצענען מיט טוידטע א. ז. וו. א. ז. וו.

די בעשרייבונג איז דער פערברייטעסטער עלעמענט אין דער ליטעראטור, ווי אין דער פראזא, אזוי אויך אין דער פאעזיע. זעלטען טרעפט זיך א ליטע־ראריש ווערק, אין וועלכען עס זאל זיך נישט געפינען קיינמאל א בעשרייבונג.

דער גרעסטער טײל װיסענשאַפטליכע װערק: נאַטורװיסענשאַפטליכע, רײזע־בעשרײבונגען, קונסטװיסענשאַפטליכע, געאָגראַפישע, זענען לויט דעם כאַראַקטער זײערען הויפטזעכליך בעשרײבונגען.

דער װעג נאָך קאָרטשעװ.

דער װעג קײן קאָרטשעװ לאָזט זיך אין אַ טהאָל אַראָב. פון אַלע זײטען לאָזען זיך אויך אַראָב אין דעם זעלבען טהאָל לאַנגע פּאַסען ערד, טײלס נאָך שװאַרצע, ערשט בעאַקערטע; פון אַ טײל פּאַסען הויבען שוין אָן גרינגע קערענדלעך שמײכלענדיג אַרויסצושטעקען די קעפּ, װעלכע גרינען אַזױ שײן פון דער װײטענס, און טײל פּאַסען זענען שוין אין גאַנצען מיט גראָז בעװאַקסען. פון דער אַנדער זײט שטעדטעל זעהט זיך, װי עס ציהט זיך פון טהאָל אַרויף אויפ׳ן באַרג אַ זאַמדיגער װעג פון בײדע זײטען מיט בעפּלאַנצטע בױמער. צוזאַמען מיט דעם װעג ציהען זיך מיט אין דער הויך די לאַנגע, טײל נאָך שװאַרצע, טײל שוין בעגראָזטע, און טײל שוין גאָר אין גאַנצען מיט הויכע גראָזען בעװאַקסענע פּאַסען, און מישען זיך דאָרט אַלע צוזאַמען, ביז זײ װערען אין גאַנצען פערשװאונדען פון דעם אויג. איבער דעם אַלעם שפּרײט זיך אויס פון ױיבען אַ גאַנץ לאַנגע און אַ גאַנץ ברײטע חופּה מיט גרויע װאָלקענדלעך — דאָס איז דער הימעל.

(שלום אַש).

§ 57. ערצעהלונג.

אַזױ הײסט די שילדערונג פון אַ זאַך אָדער אַן׳ערשײנונג נישט אין אײן בעשטימטען מאָמענט, נאָר לויט די ענדערונגען, װאָס קומען פאָר מיט דער זאַך אָדער אין דער ערשײנונג אין אַ גאַנצע רײהע פון מאָמענטען אין פערלויף פון אַ געװיסער צײט. מען קאָן זאָגען, דאָס דער אונטערשיעד צװישען בעשרײבונג און ערצעהלונג איז דער זעלבער, װאָס צװישען אָרט און צײט. װען מען בעשרײבט אַ זאַך, שרײבט מען פריהער, צו׳ם בײשפּיעל, װעגען זײן אויבערשטען טײל, דערנאָך דעם מיטעלען און צו׳ם סוף דעם אונטערשטען, מיט אײן װאָרט לויט די אָרט־אָרדנונג. ערצעהלט מען אָבער װעגען אַ זאַך, אַזױ ערצעהלט מען פריהער װעגען דעם, װאָס איז מיט איהר געשעהען פריהער, דערנאָך — עטװאָס שפּעטער, דערנאָך — נאָך שפּעטער א. ז. װ. ביז צו׳ם לעצט; מיט אײן װאָרט, דאָ װערט אָבגעהיט די צײט־אָרדנונג. די ערצעהלונג איז אַזױ אַרום אויך אַ גאַנץ װיכטיגער עלעמענט אין דער ליטעראַטור. געשיכטע, ביאָגראַפיעס, זכרונות —

אין פראזא; ראמאנען, פאעמען, דראמען א. ז. וו. — אין דער פאעטישע ליטעראטור, זענען לויט זייער האראקטער ערצעהלונגען אין דער אדער יענער פארם.

דאס פסח'דיגע געפעס.

איך בין געוועזען דער איינציגער מאנסביל אין שטוב, דעריבער איז אויף מיר געפאלען דער גורל געהן צו'ם טייך טובל'ען דאס געפעס. געהן צום טייך איז דאך שוין עפעס א שטיקעל עסק פאר א בחור'ל פון 7 אדער 8 יאהר, ווי איך בין דענסטמאל געוועזען. היינט בפרט נאך טובלען ערב פסח דאס פסח'דיגע געפעס.

און דער לופט שמעקט שוין מיט פריהלינג, ערטערווייז קוקען ארויס גרינע קעפלעך פון גראז, עס בלאזט א מחיה'דיג ווארעםווינטעל; דער טייך איז ניט רוהיג, קליינע רויטשקעלעך וואסער פון דעם געוועזענעם שניי לויפען פון ערגעץ וויט, פאלען אריין מיט א ליארם ווי מיט א שמחה אין טייך אריין, — ווי צו זיך אהיים נאך א לאנגען וויטען וועג. די זון גלעט דאס פנים ווי מיט א געטרייער ווארעמער האנד, און איך לאז זיך בארוועס מיט דעם פסח'דיגען געפעס ניט וויט פון דער באד; — דארטען, וואו וואסערפיהרער שעפען וואסער פאר דער שטאדט; דארטען, וואו די בעלי עגלות און אלערליי הורבאהרער טרינקען זייערע פערד.

איך געה צו'ם טייך טובל'ען, אבער איך בין אין גאנצען מיט מיין הארץ, מיט מיינע אלע געדאנקען אין דערהיים, וואו עס ווארטען אויף מיר מיינע נייע פסח'דיגע שטיוועלעך, וועלכע שטעהען אין א ווינקעלע. איך זעה זיי נאך איצטער פאר די אויגען מיט זייערע געפארבטע פאדעשוועס, מיט שענאויסגעקלאפטע פלעקלעך. מיינע געדאנקען זענען אין גאנצען דארטען, וואו עס ווארטען אויף מיר אזוי פיעל גוטע און טייערע זאכען: א נייע קאפאטקעלע, א נייע היטעלע, און דאס ליעבע און טייערע געזיכט פון דער מאמען, וואס וועט מיך צופריעדען און פרעהליך בעגעגענען נאכ'ן טוב'לען דאס פסח'דיגע געפעס!

און א גליקליכער שפאן איך און שפאן מיט דעם פסח דיגען געפעס צו'ם טייך.

פון דער ארבייט, וואס איך האב איצט צוטהון, בין איך אויך שטארק צופריעדען. דאס טובל זיין פסח'דיג געפעס איז אי א מצוה, אי א פערגניגען, און איך ווייס ניט, וואס איז ביי מיר גרעסער: צו די מצוה אדער דאס פערגניגען. אנגעזאגט האט מיר די מאמע צוויי זאכען: איך זאל ניט צעברעכען דאס געפעס און זאל זיין געהיט ביי'ם טייך, חלילה ניט אריינפאלען אין

וואַסער אַריין. מילאָ פון צעבראָכענע דאָס געפעס האָב איך קיין מוראָ נישט, וואָרום דאָס גאַנצע געפעס איז בעשטאַנען פון איין חריינ‎יק, און ווי אַזוי וועל איך נעהמען און צעברעכען דעם איין־און־איינציגען חריינ‎יק? און מוראָ האָבען פאַר'ן וואַסער האָב איך אויך ניט וואָס, וואָרום זינט אונזער טייך איז אַ טייך איז דאָרטען קיינמאָל קיינער נישט דערטרונקען געוואָרען.

אַ חוץ מיר זענען געווען ביים טייך נאָך יונגלעך אַזעלכע ווי איך, קלענערע און גרעסערע, און אויך מעדלעך מיט געפעס. עלטערע מעדלעך און ווייבלעך האָבען געוואַשען גרעט ביים ברעג טייך, געשטאַנען מיט די באָרוועסע פיס אין וואַסער און געקלאַפּט מיט דער פּראַטש איבער דעם נאַסען גרעט אַלץ לכבוד יום טוב, אַלץ לכבוד דעם כשר'ן פּסח.

איך האָב געהאַלטען מיין חריינ‎יק ווי אַ טייערע כלי, וואָס מען היט אָב ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון אויג; עמיצער זאָל חלילה וועלען זי ביי מיר אָבנזלענען, וואָלט איך יענעם די אויגען אויסגעשטאָכען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז אַלע ביים טייך קוקען אויף מיין חריינ‎יק און זענען מיר מקנא.

דער חריינ‎יק איז געווען אַ פּראָסטער חריינ‎יק, פון גרינעם גלאָז מיט אַ הענדטל און מיט אַ דעקעל אויך פון גרינעם גלאָז, און בכלל איז ער געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער חריינ‎יק, אין וועלכען מען האַלט אָנגעריבענעם חריין, נאָר ביי מיר אין מיינע אויגען האָט ער געהאַט דעם זיבענטען חן: ערשטענס, דערפאַר וואָס ער איז אַ נייער; צווייטענס, דערפאַר וואָס ער איז אַ פּסח'דיגער, און דריטענס, דערפאַר וואָס איך דאַרף איהם טובל'ען לכבוד יום טוב.

אַנ'אָרט אויף צו טובל'ען האָב איך אָבגעזוכט ניט וויט פון באָד, נעבען אַ גרויסען שטיין, וואָס ליעגט דאָרטען מששת ימי בראשית.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צו'ם טייך, האָב איך פערקאַטשעט די הייזלעך און בין אַריין ביז די קניע אין וואַסער אַריין. איך האָב זיך אָנגעבויגען, געמאַכט די ברכה און איינגעטונקט דעם חריינ‎יק אין וואַסער, אונטערגעטונקען מיט גרויס כונה און פּאָרזיכטיגקייט, ווי מען טונקט אונטער אַנ'איין איינציג קינד, ווען מען באָדט עס אין מולטער. בעדאַרף זיך אָבער טרעפען אַקוראַט אַזוי, אַז דער חריינ‎יק טהוט זיך אַ גליטש און גליטשט זיך אַרויס פון מיינע הענד און... נישטאָ קיין חריינ‎יק!...

די ערשטע מינוט בין איך געווען אַזוי מבולבל, אַז איך האָב נישט געוואוסט וואָס מען טהוט. באַלד נאָכדעם איז מיר דורכגעפלויגען אַ געדאַנק זיך אַ וואָרף טהון אין וואַסער אַריין נאָך דעם חריינ‎יק, און דערנאָך געדענק איך שוין אַליין ניט, וואָס מיט מיר איז געווען...

איך בין געזעסען אויף דעם גרויסען שטיין, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט צו די קניע און האָב געוויינט מיט ביטערע טרעהרען:

סטײַטש, וואָס וועל איך איצטער טהון? וואָס וועל איך זאָגען דער מאַמען? וואָס וועל איך זאָגען אין דערהײם? אַז איך וועל זאָגען, אַז דער חרײנוק האָט זיך דערטרונקען, וועט מען מיר דען גלויבען? מען וועט אודאי זאָגען, אַז איך האָב איהם צעבראָכען, און די מאַמע וועט מיך שלאָגען, ווי פיעל עס וועט גאָר אין מיר אַרײַן, און וועט נאָך שרײַען אויף מיר: „איך האָב דיר אָבער אָנגעזאָגט, דו זאָלסט ניט צעברעכען! איך האָב געוואוסט פריהער, אַז דו וועסט איהם צעברעכען!“ — אַזוי וועט זאָגען די מאַמע און וועט זײַן גערעכט. וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך דענסטמאָל האָבען אין דעם נײַעם קאַפּאָטקעלע מיט די נײַע שטיוועלעך, וואָס שטעהען אין ווינקעל? ווערה איז מיר! ווערה איז מיר! ווערה איז מיר!...

איך האָב זיך צעוויינט, צעחליפּעט, מײַנע טרעהרען האָבען געקאַפּעט אין טײַך אַרײַן און צעמישט זיך מיט דעם וואַסער פון טײַך, וואָס האָט בײַ מיר צוגענומען מײַן טײַערען פּסח׳דיגען חרײנוק.

— וואָס וויינסטו, יונגעלע? — מיט די דאָזיגע ווערטער איז צוגעגאַנגען צו מיר עפּעס אַ מיידעל מיט אַ רויט שאַלעכל אַ יפ׳ן קאָפּ, אָנגעבויגען זיך צו מיר און געוואָלט אַ קוק טהון אין פּנים אַרײַן, זעהן וואָס איך וויין.

איך האָב זיך צעחליפּעט נאָך שטאַרקער און האָב איהר לאַנג ניט געקאָנט ענטפערען קיין וואָרט.

— זאָג, נאַרעלע, וואָס וויינסטו, טאָמער קאָן איך דיר העלפען? — האָט זי מיט אַ פרײַנדליכע שטימע מיך ווידער געפרעגט, אָנגעהמענדיג מיך בײַ די אַקסלען.

איך האָב אויפגעהויבען די אויגען און האָב דערזעהן פאַר זיך אַ שײַן ליכטיג פּנים מיט גוטע אויגען און האָב קוים אַרויסגערעדט:

— דער חריי... חריי... חרײנוק!...

— וואָס פאַר אַ חרײנוק? — פרעגט מיך דאָס שײנע מיידעל מיט די גוטע אויגען.

דאָ האָב איך זיך ווידער צעוויינט און ניט געקאָנט רעדען.

דאָס מיידעל האָט אַ פּנים פערשטאַנען, אַז איך האָב עפּעס געמוזט האָבען אַ גרויסען שאָדען, און האָט מיך גענומען טרייסטען מיט אַזעלכע גוטע ווערטער, מיט אַזאַ זיס קול, וואָס איך וועל ניט פערגעסען מײַן גאַנץ לעבען.

— וויין ניט, נאַרעלע, דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלען דיר גאָרניט טהון, עס גערהט אַזאַ יום טוב, אם ירצה השם צום סדר וועסטו פרעגען די פיער קשיות, וועסט טרינקען זיסען ווײַן, וועסט עסען גוטע קניידלעך...

און נאָך אַ סך, אַ סך גוטע, זיסע, מחיה׳דיגע ווערטער האָט מיר דאָס שײנע מיידעל מיט דעם רויטען שאַלעכל אַרײַנגעגאָסען גלײַך אין האַרצען אַרײַן. איהרע ווערטער האָבען מיך געהיילט און דערקוויקט מײַן פערביטערט האַרץ.

זי האָט מיר דעם חריינִיק ניט צוריקגעגעבען, זי האָט מיך ניט אויסגעהיילט גענצליך, נאָר זי האָט פערגרינגערט, פערקלענערט מיינע יסורים.

וויפיעל מאָל האָב איך נאָכדעם איבערגעלעבט אַ סך נרעסערע צרות און אומגליקען, ווי דענסטמאָל איבער דעם דערטרונקענעם חריינִיק, און קיי־נער, קיינער איז נישט צוגעגאַנגען צו מיר אַ קוק טהון אין פנים, מיר העל־פען, אויסרעדען מיר דאָס האַרץ, פערגרינגערען די יסורים...

אוי, וואו ביזטו, מעדעלע מיט דעם רויטען שאַלעכעל און מיט די גוטע אויגען?!

(מ. ספעקטאָר).

§ 58. בעטראַכטונג.

דאָס איז אַ בעזונדערע פאָרם פון פראָזאַישע ווערק, וואָס זייער ציעל איז אַלזייטיג אָבצושאַצען די זאַך, מיט וועלכער זיי בעשעפטיגען זיך, זי גרינדליך צו ערקלערען און אויספאָרשען, און אויפ׳ן גרונד פון דיעזער אויספאָרשונג אַרויסדריגען אַלגעמיינע מיינונגען און בעשליסע. אַזעלכע בעטראַכטונגען, וואָס בעיקר געהערען זיי אייגענטליך צו דער ריין וויסענשאַפטליכער ליטעראַטור, געהען אַריין אַלס וויכטיגער עלעמענט אויך אין פערשיעדענע ווערק פון דער שענער ליטעראַטור. בעטראַכטונגען קומען אַמאָל זעלבסטשטענדיג און אַמאָל צוזאַמען מיט אַ בעשרייבונג אָדער ערצעהלונג.

וואָס איז אַזוינס ערציהונג?

דער מענש, וועלכער פערשפרייט זיין ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט און פערוואַנדעלט יַמים אין יבשה און יבשה אין ימים, בערג אין טהאָלען און טהאָלען אין בערג; דער מענש, וועלכער בעזיעגט די גרעסטע און שטאַרקסטע חיות פון דער וועלט, פערניכטעט זיי און פערוואַנדעלט זיי פאַר עבינגע קנעכט פאַר זיך, — ווערט געבאָרען פיעל שוואַכער, אי קערפער־ליך אי גייסטיג, פון אַלע בעשעפעניסען, אויף וועלכע ער געוועלטיגט.

דאָס קאַלב שטעלט זיך אויף די פיס באַלד ווי עס ווערט געבאָרען, בעוועגט זיך און פערשטעהט זאָגאַר באַלד אַליין אָבצוזוכען דער מוטערס ברוסט צו׳ם זויגען. און דער מענש, דער בְּחִיר־הַיְצוּרִים׳ניק, קומט אויף דער וועלט גאָר אָהן קרעפטען און אָהן פערשטאַנד, ווי אַזוי זיך אַליין מיט עטוואָס צו העלפען.

לאַנג, לאַנג דויערט, ביז דאָס קינד הויבט אָן צעשטעהן אויף די פיס, צו בעוועגען זעלבסטשטענדיג זיין קערפער, דאָס הייסט, ביז עס ענט־

ווינקלען זיך זיינע פיזישע קרעפטען; אָבער נאָך לענגער דויערט, ביז עס ענטווינקלען זיך דעם מענשענס גייסטינגע פעהיגקייטען.

די פעהיגקייטען פון די חיות און בהמות ענטווינקלען זיך פון זיך זעלבסט, אָהן זייטינגע הילף; דערפאַר אָבער בלייבען זיי שטענדינג בעגרענצט, דאָס הייסט, נאָר אין דער פאָרם, ווי די נאַטור האָט זיי געשאַפען: דער אָקס, למשל, וועט קיינמאָל נינט פליהען אין דער לופטען, וועט נינט איבעריאָגען דעם ·הירש און וועט נינט גובר זיין דעם לייב, ווייל די נאַטור האָט איהם נינט געשענקט קיין פליגלען ווי דעם פויגעל, קיין לייכטע פיס ווי דעם הירש, אויך נישט אַזוי פועל גבורה ווי דעם לייב.

די פעהיגקייטען פון מענשען, סיי די פיזישע סיי די גייסטינגע, ווערען ענטווינקעלט נאָר דורך זייטינגע הילף, דערפאַר אָבער קענען זיי דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון ענטווינקלונג. דער מענש קען זיך קינסטלעריש איינשאַפען זאָגאַר אַזעלכע איינגענשאַפטען, וואָס די נאַטור האָט איהם נינט געגעבען. מינט דער הילף פונ'ם לופט=באַלאָן פליהט דער מענש אין דער לופטען העכער פאַר'ן אָדלער, חאָטש קיין פליגלען האָט ער נישט; מינט דער הילף פון לאָקאָמאָטיוו לויפט ער שנעלער פאַר'ן הירש, און מינט'ן ביקס איז ער גובר דעם לייב.

די הילף, וואָס די עלטערען און די גאַנצע סביבה שטעלען צו דעם קינד פון דעם ערשטען טאָג, וואָס עס ערשיינט אויף דער וועלט, צו דער ענטווינקלונג פון זיינע קערפערליכע און גייסטינגע פעהיגקייטען, די דאָזינגע הילף ווערט אָנגערופען ע ר צ י ה ו נ ג.

נינט אַלע מענשען ווערען געבאָרען מינט איינע און די זעלבע פיזישע קרעפטען און גייסטינגע פעהיגקייטען. איין קינד ווערט געבאָרען קרעפטינג, דאָס צווייטע שוואַכער און דאָס דרינטע נאָך שוואַכער; איין קינד ווערט געבאָרען מינט זעהר גרויסע גייסטינגע פעהיגקייטען, דאָס צווייטע שוואַכער און דאָס דרינטע נאָך שוואַכער. די ענטווינקלונג פון די פיזישע און גייסטינגע פעהיגקייטען זענען אָבער מעהר אַבהענגליך פון דער פפלעגע, וואָס דאָס קינד בעקומט, ווי פון דער אָנגעבאָרענהייט. געווינס איז לייכטער צו קרעפטיגען דעם קערפער פון אַ געזונד=געבאָרענעם קינד און צו ענטווינקלען די גייסטינגע פעהיגקייטען פון דעם נאַטור=בעגאַבטען קינד. אָבער אין דער פראַקטינק זעהען מיר גאַנץ אָפט גרויסע פערענדערונגען: דורך קרעפטינגע און רעגעלמעסינגע נאַהרונג, פרישע לופט און אָפטע בעדער ווערט דאָס שוואַכגעבאָרענעם קינד געזונד און שטאַרק, און צוליעב שלעכטע בעדינגונגען וואַקסט דאַגעגען אויס דאָס שטאַרקסטע קינד אַ קאַליעקע, אַ קראַנקער, אַ צרה'דינגער אויף עבינג. פונקט אַזוי פאַסירט עס מינט דער ענטווינקלונג פון די גייסטינגע פעהיגקייטען פון קינד, וועלכע נויטינגען זיך אויך אין קרעפטינגע און רעגעלמעסינגע נאַהרונג, און טאַקי גלייך פון ערשטען טאָג

ווי דאָס קינד ווערט געבאָרען. דורך אַ ריכטיגע אויפפּאַסונג ווערען די שוואַכע פעהיגקייטען שטאַרק, און די שלעכטע נייגונגען — אויסגעבעסערט; פערקעהרט ווידער דורך נישט ריכטיגע בעהאַנדלונגען קאָנען די שטאַרקסטע פעהיגקייטען שוואַך און שטומפּיג ווערען, און די גוטע נייגונגען פערדאָרבען ווערען.

(מ. קרינסקי).

§ 59. לירישעס עלעמענט.

גאַנץ אָפט בענוצט זיך נישט דער שרייבער מיט'ן בלויזען שילדערן, ערצעהלען און בעטראַכטען די זאַך, גאַר אָפט דריקט ער אויך אויס דאַבײַ זײַנע געפיהלען און שטרעבונגען, וועלכע ווערען ערוועקט אין איהם דורך דאָס בילד, וואָס ער שילדערט, דעם פאַקט, וואָס ער ערצעהלט א. ז. וו. אַזעלכע געפיהלען און שטרעבונגען, וואָס ווערען אויסגעדריקט דורך ווערטער, בילדען דאָס לירישע עלעמענט אין דער ליטעראַטור. דאָס לירישע עלעמענט קומט גאַנץ אָפט פאָר אויך אין פיעל פּראָזאַישע ווערק און בילדעט אַ בעזונדערע אַבטהײלונג אין דער פּאָעזיע.

תיקון ליל שבועות.

חודש סיון. — יום טוב בייַנאַכט, ווען די שטערען זינגען...

ווער האָט אַמאָל יענעם נעזאַנג געהערט, וועלכען עס זינגען די שטערען בייַנאַכט? אָפטמאָלס בין איך געגאַנגען אַליין דורך די שטילע גאַסען אין אַ זומערנאַכט, און האָב געהערכט און געהאָרכט — און איך האָב גאָרנישט געהערט, חוץ דעם אָבקלאַנג פון מיינע אייגענע טריט. דאָ הויב איך אָן צו צעהלען מיינע טריט: איינס צוויי, איינס צוויי, אָבער איך ווייס אַליין ניט, דאָס איך צעהל. אַרום מיר שוועבען די ריינע וואַרמע לופטען; איבער מיר איז אויסגעגאָסען אַ זים ליכט פון איין עק הימעל ביז צום אַנדערען; און איינציגווייז דרינגט דאָס אַלעס אַריין צו מיר אין מיין נשמה, און עס ווערט אַזוי ווייך און אַזוי גוט אינעווייניג, אַז עס חאַפּט אַזש אָן ציטערן. דאָ רייסט זיך מיין האַרץ אַרויס ווי פון קייטען, און עס ציהט, און עס ציהט, און עס ווייס אַליין נישט וואוהין. — און עס שטייגט אויף אַ גייסט אין מיר, און איך ווייס אַליין נישט, וואָס ער איז. ווער קען נישט יענע הייליגע ערהאַבענע מינוטען? אָבער וועם איז נישט יענע מאַכט אַמאָל אויף איין מינוט לאַנג געקומען? — אין אַזעלכע מינוטען ווערט דער מענש גרויס און ערהאַבען, געוואַקסען און געהייליגט, און עס זעהען זיינע אויגען געטליכעס, און עס הערען זיינע אויערען וואונדערליכעס...

אין אַזעלכע מינוטען האָב איך פלוצלונג אַ געזאַנג געהערט, און דער געזאַנג האָט זיך אַ לאָז געגעבען פון איין עק הימעל ביז צו'ם אַנדערען — און פערשטאַנען האָב איך פלוצלונג, ווער עס זינגט אין די שטילע נאַכט...

אָפּטמאָלס בין איך געגאַנגען אַליין דורך די שטילע גאַסען און אַ זומער־נאַכט — אָבער אַזאַ נאַכט וועל איך ניט פֿערגעסען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען.

און די נאַכט איז געווען אַ קלאָרע, אַ בלויע, אַ זיס־וואַרמע — אַ נאַכט פֿון אַ שבועות.

און יום טוב'דיג און הייליג איז געווען אויך דער הימעל איבער מיין קאָפּ, און אויך די ערד אונטער מיינע פֿיס. שטיל בין איך געגאַנגען און האָב געהאָרכט און געהאָרכט, — עס האָבען אויבען איבער מיר די שטערען געזונגען...

קומט זינגט אַלע מיט, פֿול איז מיין נשמה מיט געזאַנג, קומט און זינגט מיט!

„הַלְלוּיָהּ"...

האָט נישט ווער דאָס דאָזיגע וואָרט איצט און דער דאָזיגער מינוט געראַדע אַרויסגערעדט?... איך האָב קלאָר און דייטליך דאָס וואָרט „הללויה" געהערט. נישט און דער נשמה אינעווייניג — ניין, עמיצער האָט עס דאָ דרויסען נעבען מיר מיט דעם פֿולען מויל אַרויסגערעדט. איך האָב מיך אומגעקוקט און האָב געזוכט.

אָפּשר איז עס איינער, וועלכער זיצט די גאַנצע נאַכט ביי דער תורה און זאָגט „תקון ליל שבועות"?...

און ווי איך האָב מיך אומגעקוקט און געזוכט, האָב איך אין אַ פֿענס־טער אַן אַלטען ייד געזעהן, וועלכער איז ביי אַ טיש געזעסען און פּסוקים פֿון דער תורה געלייענט — און דאָס פּנים פֿון יענעם אַלטען וועל איך נישט פֿערגעסען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען...

קומט, זינגט מיט מיר ביינאַכט — גאָט'ס גייסט איז פֿול די וועלט — מיינע ליפּען זענען פֿול געזאַנג...

„הללויה"! (דוד פֿרישמאַן)

מיר האָבען דאָ אין אַלגעמיינעם בעטראַכט די פֿיער הויפּט־עלעמענטען אין דער ליטעראַטור, אויך האָבען מיר געזאָגט, דאָס זיי קענען אַריינגעהן אַלס הויפּט־בעשטאַנד־טיילען אין פֿערשידענאַרטיגע ליטעראַרישע ווערק. וואָס אַנבע־לאַנגט די ווערק גופֿא, ווערען זיי קלאַסיפֿיצירט, ד. ה. איינגעטיילט אין קלאַסען און אין אַבטיילונגען, וועלכע ווערען כאַראַקטעריזירט לויט דעם ליטעראַרישען עלעמענט, וואָס שפּיעלט אין זיי די הויפּטראָלע. מיט דער דאָזיגער איינטיילונג פֿערנעהמט זיך דער צווייטער טייל פֿון דעם בוך.